STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11725

HORIZONTN

Yeshayahu Austridan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיהו אוסטרי-דן

האַריזאָנטן

אלול תשי״ח — מעקסיקע, ד. פ.

"HORIZONTES"
YESHAYAU AVSTRI-DUNN
MEXICO, D. F.
SEPTIEMBRE 1948

דרוקעריי „ד י ש ט י מ ע" — פּעדראָ מאַרענאָ 129, מעקסיקע, ד. פֿ.

מיט דעם

זכרונות-קראַנץ

פון לאה גאלדבערגס

„מביתי הישן”

אין קעניגרייך פון לויטערן זכרון.

דער מבול האָט דורכגעבריזט איבער דער וועלט און אַלץ פאַרשוועמט. דאָס לעבן איז פאַרניכטעט געוואָרן און ס'איז קיין מאַטעריעלער זכר נישט פאַרבליבן פון דאָס גרויסע ווונדער פון נאָנטן עבר. מיר שטייען איצט אין תוהו־ובהו פון אייגענעם געפיל, און מיר ווייסן נישט ווי אַזוי אַנטקעגן־צו־גיין דער וועלט און דאָס לעבן און די מענטשן אַרום אונז.

כ'ווייס נישט ווי אַזוי אַנדערע וועלן קוקן אויף זייער מאָרגן. כ'ווייס נישט ווי וועלן יידן אַרויסגיין צו זייער היינט וואָס איז גע'ניצול'ט געוואָרן. אָבער דער גרויל פון יענעם מבול, פון יענעם אומקום, פון יענער פאַרניכטונג מוז אַוועק מיטן רויך. עס מוזן אַ בלאָז־טאָן אָפּפרישנדע ווינטן איבער די פאַררויכערטע און פאַרוואָלקנטע יידישע הימלען. עס מוז אַ בלי־טאָן אַ בלום אויף דער פאַרברענטער יידישער ערד. איבער די פאַרסמאַליעטע יידישע פעלדער מוז דורכשוועבן אַ פרילינג־ווינטל און אָנזאָגן אויפסניי דאָס לעבן.

מ'קען בויען אויך אין טרויער. מ'קען אויפבויען די פאַרגאַנגענהייט אין אַ לויטערער אַטמאָספער וואָס זאָל דערהויבן און פאַרצויבערן יענע ווירקלעכקייט. מיר טאָרן נישט איבערגעבן די פינף־מיליאָן קדושים אין די שווידערלעכע אָרעמס פון די טרעמבלינקעס און מאַידאַנעקס. נישט זיי וועלן פאַר אונז פאַרבילדן די אומגעקומענע מיליאָנען. מיר דאַרפן דאָך אויסבערלאָזן די יידישע אייראָפּעאישע פאַרגאַנגענהייט פאַר די קומענדע דורות. מיר דאַרפן דאָך פאַרוואָרצלען אָט די קומענדע דורות אין יענער ווירקלעכקייט וואָס האָט מיט אַזוי פיל שווידערלעכער פאַרצווייפלטקייט אויסגעהויכט די נשמה.

לאָמיר זיי דערציילן דאָס ווונדער, אַז אין די טעג פון אומקום און

„האריזאנטן"

שחיטה, זענען געווען דיכטער און דיכטערינס אין יידישן פאָלק, וואָס האָבן געטראָגן אויף דער ערד פון די נביאים און די נייע באַפרוכפּערער־חלוצים, און האָבן מיט געוואַלדיקע קלאַנגען פון רו און שלוה איינגעקריצט זכרונות, פּייזאַזשן, טעג און נעכט, דאָרף און שטאָט, גאַס און גאַסל, בית־מדרש און שטיבל, מיידל און באָבע, חדר־יינגל און זיידע אין לויטערן זכרון פון פאַר־גאַנגענע טעג און שוין באַלד לעגענדאַרישע שלום־צייטן.

די צייכער האָבן אפשר געקריצט, אָבער דעם זיג פון יאוש טאָר מען דאָך נישט דערלאָזן. וואָלט דער יאוש געקומען און דערגאַנגען, אין וואָלט ער זיך צעלייגט מיט זיין מיאוסער פּליישיקייט — וואָלט אַלץ געווען פאַר־לוירן. שרייבט לאה גאָלדבערג אין איר „הקדשה":

„אל תתנני לבכות.
בכיך הנשא, ופניך רמים עד מאד —
עוד הרים, עטורי דומית־ילדותך, יעמודו
מול מקהלת שנים רחוקות.

מה זהוה האלם הזה! כוכבים לו יקודו
ונשקו מזוזות השתיקות.
אחרונים, אחרונים רחמי השעה הזוכרת —
אל תתנני לבכות".

(„לאָז מיך נישט וויינען.
דיין געוויין טראָגט זיך, און דיין פּנים איז אַזוי הויך —
נאָך בערג, באַקרוינטע מיט דיין יוגנט־דממה, שטייען
אַקעגן אַן עדה פון ווייטע יאָרן.

י ש ע י ה ו א ו ס ט ר י ־ ד ן

ווי טרויעריק איז די שטומקייט! שטערן איר זיך בוקן
און קושן די מזוזה פון שווייגן.
דאָס זענען לעצטע רחמים פון דער זכרון־שעה —
לאָז מיך נישט וויינען").

מיר שטייען פאַר א שטילן און שוידערלעכן קאַמף. די דיכטערין האלט אָן מיט די נעגל די רואיקייט אין דער נשמה. דער יאוש ליגט צופוסנס. ער פרעסט די נשמה. דער געוויין ווערט אָבער דערשטיקט, איינגעהאלטן.. מיר מוזן קוקן מיט העלער לויטערקייט אויף יידישע נעכטנס אין שחיטה־טאָל פון אייראָפּע. דער אומגליק איז שוין געקומען, געטאָן דאָס זייניקע און אוועק אין דער קאַלטער און באַגוטמרואיקנדער אומענדלעכקייט. אויף די פעלדער פון אומקום זענען מיר פארבליבן אליין. וואָס וועלן מיר טאָן? וווהין וועלן מיר אוועקטראָגן אונזער צעטומלטן אויג? אווו וועלן מיר אונזער קאָפּ אוועקלייגן כדי אים אָפּראַטעווען פון שוידערלעכן צאָרן וואָס האַמערט אין מוח און איז אזוי אָפּהענטיק, אזוי נקמה׳לאָז?

לאה גאָלדבערג איז אוועק אין די נעכטנס פון אונזערע אומגעקומענע קדושים און זי נעמט אויף פולע הויפנס מיט פערל פון יענע טעג און נעכט. לאָמיר מיטגיין מיט איר. דאָס איז דער איינציקער וועג פון לעבן, דער וועג פון הייליקן זכרון, דאָס קעניגרייך פון לויטערן זכרון.

לאָמיר אויפדעקן קוואַלן פון לעבן וועלכע זענען פאַר אונז אויף אייביק פארטרוקנט געוואָרן. די קוואַלן וועלן אונז צוריקגעבן יענע הימלען, גאָרטנס, געסלעך, וואָס די מערדער האָבן פון אונז אזוי שרעקלעך אוועקגעריסן, אזוי שוידערלעכער פארניכטעט מיט דער שרעקלעכסטער און שוידערלעכסטער פון אלע פארניכטונגען.

פערפומען פון פאַרגאַנגענע טעג.

ווען מיר בלייבן מיט זיך אַליין איינגעהילט אין א בין־השמשות׳דיקער דונקלקייט, און מיר ווילן ארויפברענגען פאר אונזערע אויגן די אַלטע היים — בלאַנקען מיר אָפט ארום לאנגע מינוטן אָן אָנשפּאַר. די ליידיקייט ארום זאָגט גאָרנישט אָן. מיר זוכן א ברעג צום לאנדן, און מיר זעען אים נישט.

און עס געשעט, אַז גראָד ווען מיר פארגעסן זיך, גראָד אין דעם מאָמענט ווען מיר האָבן אויפגעהערט צו זוכן — פאנגען פלוצים אָן אויפשווימען ווי דורך א כישוף-וווּנק לויטערע פייזאזשן און הימל-ליכטיקע געזיכטער ארייגעשטערנטע אין די וואונדער־בילדער פון אַלטע היימען. א קסמים-וועלט האָט אויפגעלעבט און אָטעמט מיט געוואלדיקער דאַ׳איקייט אין אונז און ארום אונז. באפליגלטע נעכטנס פלאַטערן פאר אונזערע אויגן. אלץ איז פארגאָסן געוואָרן מיט א רייצנדן צויבער־לאזור און ס׳האַרץ שכורט רעם זיס־שטארקן וויין פון די נעכטנס.

אָט זענען מיר אָנגעקומען צו די טויערן פון זכרונות קעניגרייך. עס וואונדערט א ביסל וואָס עס שטארצן נישט ארויס די טורעמדיקע פאלאצן פון גרויסע פארגאנגענע געשעענישן. פארחידושטע קוקן מיר זיך ארום אַז דאָס עפּאָכע־מאַכנדע, דאָס גיגאנטישע איז ווייט נישט געווען דאָס וויכטיקסטע אין אונזער לעבן פון יענע ערשטע טריט אונזערע. די זכרונות האָבן איידל, אָבער משונה׳דיק דעצידירט, פארריגלט אונטער זיי די טיר פון אונזערע מאָרגנס. די נשמה האָט אנדערע זאפטן באהאלטן אין איר כישופדיקער איינטימיטעט, און אָט נעמט זי איצט ארויס פילע אוצרות פון די „קליינקייטן", פון דעם כלומרשט גרויען „יום־הקטנות": א זונען־אונטערגאנג, א שטילן פארנאכט, טרעלן פון א קאטארינקע, א פלויט מיט שפּיציקע פינגער וואָס גלעטן א פארנאכטיקן הימל, א לאנג־קרומער טראָטואַר, איינגע־

הויקערטע הייזער, א באַרד א ווייס־שנייאיקע פון אייגבינדער אָדער שטאָ־ניש מלמד, א קאסטאַניען־בוים, א גלח, א שווער באלאָדענער בארן־בוים פון יענקל דעם „אגראַרניק׳ס" גאָרטן, א שכור, א פענעץ גאס א חסידים שטיבל, א דורכשוועבנדע מיידל, א גרויער רעגן־טאָג, א שוועל פון א שטוב, א מזרח פון בית־מדרש. וויפל דופטן צויבערן ארויס פון דער וועלט און פארשלינגען יעדעס ווינקעלע פון אונזער פאנטאזיע און באטרערן מיט א זיסער נאסקייט אונזערע אויגן. איר ווייסט נישט פארוואָס ס׳איז אזוי געשעען — אָבער ס׳איז גוט אזוי מיט די אויפטייכנדע קליניקייטן וואָס בליען אויף אין אייער נשמה.

אויך ביי לאה גאָלדבערג האָבן מיר נישט געטראָפן די גרויסע טורעמס פון די נעכטנס. דאכט זיך, ווי יענע גרויסע טעג וואָלטן זיי פארשלונגען און ניט מען ווייס אפילו אז זיי געפינען זיך אין זייער איינגעווייד. עס דערהויבן זיך פון יעדער שורה טיפע עכאָס פון דאָס קליינע, דאָס כלומרשט נישטיקע, פון דאָס באנאלע וואָס איז פארבליבן פון די ליכטיקע נעכטנס אין אונזער פארגלאָצטער היינטיקייט:

„מביתי הישן לא נותר עוד
אלא זכר כמיהה עמומה —
משרתות מזמרות כגיטרות,
יחפות, עם שקיעת החמה"

(„פון מיין אלטער היים מער נישט פארבליבן איז
ווי אָנדענק פון נעפלדיקער בענקשאפט —
דינסטן זינגען ווי גיטארעס,
באָרוועסע,ביים זון אונטערגאנג").

דאָס בילד איז אין ציטער פון וואונדערלעכן האפט. עס קנוילן זיך פאר־חידושט פעדים פון א שלל׳יקן פארב, און זיי פארנעמען נישט, פון גרויס תמימות, זייער עשירות. יענער אָוונט ווען די דינסטן זענען געזעסן און גע־

„האָריזאָנטן"

וונגען, זענען אפשר קיין גיטאַרעס פאַר די אויגן נישט אויפגעלויכטן, אָבער דער קנייט אין דער נשמה, דער קריץ אין דעם מעכטיקן אונטערבאַוווסטזיין איז געווען א געוואַלדיקער.

אָט זיצן זיי ווי „פעט־היפּטיקע מאַדאָנעס פון א דאָרפישער תיפלה" און אקעגן זיי גייט דער גלייכער, גרייז־גרויער פריץ ווי א קעניגלעכע גע־שטאַלט.

„גחנה האחת על הטנא
להסתיר את הפרי הגנוב.
מהלפות בהירות תצילנה
על המשך הניגון העצוב".
(„בויגט זיך אָן איינע צום קויש
צו באַהאַלטן די גע׳גנב׳עטע פרוכט,
בלאָנדע צעפּ באַשאָטענען
דעם המשך פון טרויעריקן ניגון")

דאָס בילד ענדיקט זיך בכי־טוב. דער פריץ האָט נישט די פרוכט גע־זוכט, נאָר דעם אַלבאַסטער האַלדז פון דער יינגער שיקסע. און אין די אויע־רן פון דער דיכטערין איז נאָר פאַרבליבן דער זיגעריש־פאַרפירערישער מיידלשער געלעכטער וואָס האָט אַרויסגעבראָזט פון דעם געזאַנג „ווי א ברכה־רעגן פון א וואָלקן".

יענער טאָג האָט געמוזט זיין א ליכטיקער קלאַנג אין דער נשמה פון דער פאַרחלומטער דיכטערין. א צאַרט־ווילדע דופּט האָט זיך א טראָג גע־טאָן אַרום איר פון דעם צעלאַכטן קערפּער און פון די פינקלדיק־שעלמישע שיקסע־אויגן אקעגן דעם פאַרדוליטלטן און שטייף־שמייכלנדעם פריץ. די וועלט האָט א פּנעץ מאָרגן אויפגעדעקט פאַר די פאַרוואונדערטע אויגן פון דאָס נאַאיווע יידיש מיידעלע. א טאָג איז אַוועק אין ליכטיקע שיינען, און עס קומט אָן א טיפער אָוונט מיטן סאַמעט־טראַט און שטילער פאַרוויגונג.

י ש ע י ה ו א ו ס ט ר י ־ ד ן

פארטרוימטע צעפלעך וואנדערן אוועק מיט א פוילינקן טראָטעלע אין שטוב אריין.

* * *

אונזער שטוב. די יידישע אלטע שטוב. וויפל טרוימען וועקן זיך אין הארצן ביים דערמאָנען די עלטערן־הויז, מיט אלע טויזנט קלייניקייטן וועלכע האָבן אזוי באזיסט און באַחנ׳ט דאָס לעבן. איר זענט געווען ארומגעהילט פון יעדן בלומען־אויפשיין אויף די פאפיר־פארקלעפטע ווענט. איר זענט געווען פארטוליעט מיט יעדן שאָרך פון מוטער־גאנג אין צווייטן צימער. יעדער פוויראנג האָט געזונגען מיט אלע ווייכקייטן וואָס א מענטשלעכע האנט האָט נאָר אמאָל געקענט אויסצויבערן. אָט שטייט א צעשטראלטער פנים פון א יונגער שוועסטער. אָט רעדן צו אייך אירע אויגן מיט דער אינטימסטער און צארטסטער ליבע, און איבערגעגעבנהייט, און טריישאפט. אייער הארץ ווערט איבערפולט מיט געפילן פון הימלישער שלמות, פון אייביקן זיין אין אזא שפע פון גוטסקייט, אין אזא רייכטום פון ברידער־שוועסטער געפילן. איר שטייט פארוואנדערט אקעגן דעם איידעלן גערויש פון דער קיך וואָס טראָגט זיך אין אייער קינדער־צימער אָדער צום פענצטער אווו איר זיצט און קוקט ארויס מיט אזוי פיל ליבע און צארטקייט אין דער גרויסער וועלט אריין אויפן שמאָלן טראָטואר. אָט גייען באקאנטע געשטאלטן. אָט איז דער זעלבער גאנג, די זעלבע אלטע קאפאָטע און די זעלבע צעפליגלטע באָרד־און־פאות און דאָס זעלבע צום־ווינט אויפגעפראלטע געזיבט. אָט איז די שטול מיטן גרינעם פלוש וואָס וויגט אייך איין אין די הייליקסטע לעגענדעס פון דער טייערסטער פארגאנגענהייט. אָט איז דער שטיל־פארביקער „כאָדניק" וואָס טרייסט דאָס אויג און זאָגט אָן א שטילע בעל־בית׳שע רואיקייט נאָכן אפגעפראצעוועטן און אפגעלאָפענעם טאָג. און אָט איז די אלטע מעשענע קליאמקע, און אָט איז דער אפגעווייסטער פענצטער, דער מאסיווער טיש אין עס־צימער, דער ליכטיקער, מיט מעש באפוצטער קריסטאָלענער קרעדענס, די ברייט־היפטיקע שאפע, דער מאיעסטעטישער אויוון מיט זיינע גלעטנדיקע, ווארעמע און טוליענדע קאכליעס, דאָס באשיידענע אייזערנע בעטל פון אייער יוגנט, דער הימלישער סופיט מיט זיינע טונקעלע פלעקן און פארגעלבטע לאטעס פון רעגנס וואָס האָבן זיך דערשלאָגן ביז דעם וויס־גלאנציקן פאפיר פון בעלקענעם סופיט.

„האָריזאָנטן"

א וועלט, א גאנצע וועלט וואָס איז אזוי פארשטומט געוואָרן. איר פארגעסט אין דער מינוט דיווירקלעכקייט און איר האַלט אָן דאָס פארגאנגענע מיט שטאָלענע נעגל. פארוואָס נישט. דאָס איז נישט זעלבסטנארעריי. מיר ווילן נישט נאָר אנטלויפן אויף אייניקע מינוטן אין די אָרעמס פון יענער קינדער־ווירקלעכקייט, נאָר מיר ווילן בעיקר איר פארפיקסירן, איר ארויסרייסן פון די טומאנען־קייטן פון דער פארגאנגענהייט וואָס האַלטן איר ככדר אין איין פארדונקלען און פארטושן, כדי איר אוועקשטעלן מיט דער גאנצער שיינענדער לאזור־פראכט פאר זיך און פאר די צוקונפטיקע דורות.

אפשר איז שולדיק דער גרויזאמער פארלוסט, וואָס גראָד איצט, פלוצים איצט, האָט אָנגעפאנגען בענקען און ווייען ס׳הארץ נאָך א־ביסל פארפיקסירטער פארגאנגענהייט. ווען דער אונטערגאנג פון דער אלטער היים וואָלט געקומען פאמעלעך, טראָטיק, וואָלטן מיר נישט געווייטיקט אזוי שארף אויפן פארלוסט. א פאמעלעכער אומקום פארוואנדלט זיך אין אן אומבאקעמפבארער נויטווענדיקייט. אָבער דער שרעקלעכער, פלוצים׳דיקער פונאנדערפאל, דער שטורמישער חורבן, דאָס דריטל פון פאָלק וואָס איז אזוי במהי־יד, אין אזא אומגלויבלעך־שרעקלעכן מהי־יד, אָפּגעווישט געוואָרן פון צווישן די לעבעדיקע, דאָס האָט פארטייערט, פאר׳כישופ׳ט, פארהימלט די חרוב־געוואָרענע היים.

גייען מיר איצט א ביסל שטאמלדיק איבער יענע זכרונות־סטעזשקעס און מיר ווייסן נישט וווהין פריער אויפהויבן די אויגן. מיר זענען פארטרויערט אקעגן דאָס אויפקומענדע. דאָס טייער לעבן וואָס טייכט אויף פאר אונזערע אויגן איז א משונה׳דיק הילכיקער קלאנג וואָס צעגייט זיך אומברחמנותדיק אין צירקל־כוואליעס העט ווייט אין דער שרעקעוודיקער אומענדלעכקייט. פארמאכט איר די אויגן און איר זוכט דעם קלאנג אין די פארלאָשענע וועגן פון דער וועלט. איר ליגט אין אייער גלוסטיקן צער און ס׳איז נישטאָ קיין טרער פארן ברענענדן טריקעניש־טרויער. איר זעט בעין אז אלץ ארום אייך ווערט אָן זיין מיין, זיין עצם זין. אויב נישט יענע זכרונות, אויב דאָס לעצט ביסל פארוויאנעטער גליק וועט אויך נישט קענען דערהאלטן ווערן ביים לעבן — איז צו וואָס דאָס גאנצע מאטערניש, צוואָס דער גאנצער געראנגל פאר נאָך א בים ברויט, פאר נאָך א ביסל

גליק, פאר נאָך א קינסטלערישער איבערלעבונג און פאר נאָך א פּאָר אָנגעשריבענע שורות אָדער זייטן.

איר גייט אריין אין דער וועלט מיט דעם טיפן גלויבן, אז אויב מיר לאָזן איבעררייסן די קייט, אויב מיר ווילן איצט אָנפאנגען פון „אָן אויפסניי" אָן קיין אויסגאנגס־פּונקט און אָן קיין עתיד־וויזיע, איז נישט בדאי דאָס לעבן זאָל געלעבט־ווערן, איז אלץ הבל־הבלים.

און ס'חידושט. אָט אין דעם ביסל זכרון ליגט עס טאקע דער געוואלדיקער „אלץ"? דאָס איז עס טאקע די אבן-הפנה פאָרן וויטערדיקן גאנג פון יחיד אין לעבן? ליגט דען אזוי פיל קוואליטעט און אומשטערבלעכקייט אין יענע זכרונות?

ווער קען דערויף ענטפערן?... מיר ווייסן נאָר, אז מיר קענען נישט אָן יענער פארגאנגענהייט ווייטער אָטעמען. מיר קענען נישט ווייטער גיין ווען מיר וועלן פארגעסן די אלטע, האלב־אָפּגעבליאקעוועטע און א ביסל אָנגעקלאפּטע כלים פון אונזער עבר. מיר וועלן ארויסגיין מיט ליידיקע נשמות אקעגן אן אינהאלט־דורשטיקן עתיד. מיר קענען נישט אוועקגיין פון דער פּאַרגאנגענהייט מיט ליידיקע אָרעמס.

און עס איז דאָ ווער עס פילט אזוי — און עס איז דאָ ווער עס פילט פיל פשוטער, פיל־פיל פשוטער. געווען איז א היים. געווען איז א וועלט, א טייערע, א ליבע, אן אנגענעמע ביז גאָר. פּלוצים איז געקומען א גרויס אומגליק, זייער א גרויס אומגליק, און די היים איז חרוב געוואָרן. טוט וויי ס'הארץ, און עס וויינט די נשמה. בלייבט דער מענטש א דורשטיקער נאָך זכרונות. חלומט ער, טראכט ער, צוויבערט ער אוים זכרונות פון אמאָל — און ס'ווערט אים גוט אויפן הארצן. עפּעס געפינט ער צוריק דעם וועג צו זיך, עפּעס ווערט ער מער זאפטיק, מער בארואיקט, מער דאנקבאר זיך און דער וועלט. נעמט דער ייד זיין וועג אין די ריינסטע ספערן פון זכרון — און זינגט זיך אונטער אן אלטן הלל־ניגון ביים טאטנס־טיש, באלד נאָך די פיש. און עס וווּנדערט דעם יידן, ווי דער ריח פון די פיש שטייט אין הלל פון זיין צימער אויפן ווייטן קאָנטינענט, און די קלאנגען פון ניגון זינגען אזוי טיף־זיס אין הארצן. ווערט אָנגעפילט די נשמה מיט וווּנדער און מיט בשמים פון אמאָליקע פארגאנגענע טעג, און טויזנט און איין פריידן

„האָריזאָנט;"

נעמען ארום יעדן רויש, יעדן שאָרך, יעדן אויפקום פון פארגאנגענע עכאָס פון שוין נישט־עקזיסטירנדע וועלטן.

די שטוב פון דער דיכטערין לאה גאָלדבערג דאכט זיך אוים צו זיין אזוי פּראָזאאיש. א ווערטערע. א טיי־טיש. „אויף א טאץ סאַפּעט מיט אן אסטמע־אָנפּאל א צעשיינטער און גליקלעך צעטומלטער סאמאָוואר"... ס'איז אָבער געגוג די אָנצייכענונג פון אָט די געציילטע שטריכן, כדי א גאנצע וועלט זאָל אויפטייכן ביי אייך אין דער נשמה. אָט די הילצערנע ווערענ־דעס פון יידישע הייזער אין די קליינע מזרח־אייראָפּעאישע שטעטלעך, אָט דער שיינענדער סאמאָוואר, די שלוה'דיקייט פון אָנקומענדע פארנאכטן אין א סאמעט־ווייכער סביבה פון אינטימסטער משפחה'דיקייט, די רואיקע הימלען איבער די יידישע ווערענדעס און די אויסגעשטרעקטע האָפענונגען אויף א בעסערן מאָרגן, — אָט דאָס אלץ שווימט אויף פאר אייך אין די מאָמענטן ווען איר לייענט איבער די ערשטע שורות פון ליד „קיץ" („זומער"). דאָס פשטות אליין ליגט אויף יעדן וואָרט און שיינט אראָפּ פונם ליד. דאָס ליד איז אזוי ווי דאָס לעבן וואָס ווערט געשילדערט. אָט שטייט דער סאמאָוואר און

„עדת כוסות לו מזמרת
בקול של כסף וזגוגית,
ועל ראשו — גולת כותרת —
קומקום בתכלת חגיגית."
(„אַן עדה כוסות אים זינגט־צו
מיט קלאַנג פון זילבער אין גלאָז,
און אויף זיין קאָפּ — א קרוין א גאנצע —
א טשייניק אין פּייערלעכן בלוי").

ברענגט אייך עס נישט אויפן זכרון טאטע־מאַמעס טיש מיט זיינע ליכטיק־שיינענדע גלעזער טיי, די געסט ביים טיש, דאָ דער שכן, דאָ דער

ישעיהו אוסטרי־דן

חזן, דאָ דער פּרנס און דאָ דער נאַציאָנאַלער גאַסט אין שטעטל אין שלי־חות פון פאָלק. רייסט נישט לאה גאָלדבערג ארויס שטיקער לעבן פון אייער נשמה און שטעלט זי זיי נישט אוועק אין זייער פולער נאַקעטער רווישיקייט פון אייערע גלוסטיקע אויגן? אָט דאָס איז דאָך דאָס טייערסטע וואָס איר האָט געטראָגן אין האַרצן, אָט דאָס פּשוטע בילד, אָט די גלעזער טיי, אָט די ווערענדע, דעם פאַרנאַכט אין זיין גוואַלדיקער מנוחה׳דיקייט וואָס האָט די נשמה אָנגעטאָן מיט אלע שלוה־שאַלן וועלכע זענען נאָר דאָ אונטער די הימלען פון דער יצירה.

„הספר בגנבה פתוח,
מבהיק הדבש על פת לחמי,
שוב אצפה בקוצר־רוח
שלמיחם תגש אמי.

אז יתמוגג באור של קיץ,
פזום ישמיע לכבודה:
איך מתרככים כל כלי־הבית
מעצם נגיעת ידה!"

(„דאָס בוך בגנבה איז אָפן,
עס שיינט דער האָניק אויף מיין פּענעץ ברויט,
אָט וואַרט איך ווידער אומגעדולדיק
ביים סאַמאָוואַר די מאַמע צו זען.



„... בטבורו על המגש,
נושף בהתקפת־קצרת
מיחם זרוח ונרגש".

„ה אָ ר י ז אָ נ ט!"

דאַן צעשיינט ער זיך אין זומער־גלאַנץ
א ניגון ער באַמקעט איר צו:
ווי ווייך־ווערן אלע כלים אין שטוב
ווען מאַמע-הענט צו זיי רירן זיך צו!")

געסט זענען דאָ ארום. געלעכטער און שמועס שפּרודלען אין פייערלע־כער פריידיקייט. א דורכזיכטיקע ליכטיקייט שוועבט אין דער לופטן. און בלוצים איז דער אָוונט אריין מיט כישוף־גאַנג און א בלאָז געטאָן מיט א געפּערלעך־זיסער און ווייגנדער גלוסטיקייט. מיט איינמאָל ווערט איר ארומגענומען מיט א טיפן געפיל, אז איר שטייט אויפן וווּנדערלעכן גרענעץ פונוואַנען עס הויבן אָן אָפּשווימען די גרעסטע גליקן פון לעבן. איר זעט דאָס גליק וואָס גייט אוועק, איר שפּירט דאָס גליק וואָס הייבט זיך אויף און ווערט אומפאַרמיידלעך אנטרונען. איר שפּירט, אז דאָ האלט איר דעם פאָדעם פון גרויסן סוד אין האנט. איר האלט אים נאָר איין רגע, און גלייך ווערט ער צעגאַנגען, צערונען און איר זענט פאַרווונדערט, רואיק־פאַרוווּנ־דערט. איר שטייט נישט ביים סוד פון סוף. דאָס איז גיכער דער אָנפאַנג פון עפּעס שטאַרקערעס, העכערעס, בלויערעס, שטורמישערעס — און איר ווייסט נישט גענוי וואָס איר האָט געהאַט. איר זענט אָבער פאַרוווּנדערט, גליקלעך־פאַרוווּנדערט. איר זענט איין רגע, איין אויגן־בליק געשטאַנען ביים ראַנד פון גרויסן סוד. דער פאַרנאַכט האָט א גלי־געטאָן מיט א משוגה'דיקער גלוסטיקייט און אָנגעפילט דאָס הארץ מיט א בענקשאַפט וואָס נאָגט אין הארצן און ציט פון אים אויס שטיקער לעבן, גאַנצע הויפנס זאַפט און גליק־געזאַנגען. איר זיצט שטיל פאַרוויגט אין אייער טרוים וואָס איז אַנטרונען און האָט דאָך איבערגעלאָזט אזעלכע שטאַרקע עכאָס ביי אייך אין הארצן. די עכאָס זענען אזוי דאָאיק ביז עס באַצווינגט א גלייבן אין זייער רעאַליטעט. און איר נעמט ארום מיטן אויג א נישטיק קנעפל, א לאַץ, א פאַלד און איר קוקט אויפן שטיק לעבן וואָס סאָפּעט ארוים פון יעדן פאָדעם אין אייער לבוש.

אלץ ארום אייך האָט אָנגעהויבן אָטעמען. די וועלט איז געוואָרן דערגרייכבאַר, אָנגעמבאַר; גלעט איר אזוי דעם פאַלד פון אייער קלייד און

ישעיהו אוסטרי־דן

איך דאכט זיך, אז איר גלעט די באק פון אן אומבאקאנט באשעפעניש וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אן אומענדלעכן און זיס־טייערן גליק. דער אָוונט גליט אין אייערע אָדערן מיט אלע גלוסטן פון לעבן — און איר זענט גליקלעך.

אויף דער וועראנדע לאכן געסט, לאכן אויגן, לאכן לעמפלעך, לאכן ווייסע טישטוכער, טיי'איקע גלעזער, זילבערנע לעפעלעך — און איר לעבט, לעבט אין פילן גליק.

דאָס שטעטל ליגט אייך צופוסנס און איר אָטעמט מיט אלע איריע וווּנדער אין דעם פארנאכט פון אלע פארנאכטן.

* * *

„משק שלוה. שלהי ניסן.
צלצול של דלי ובאר פוזמת.
ישבה לפוש על המפתן
הקבצנית המתנמנמת.

כפטוריה מכומשה
מיער שב. לאט ינוע
סודר־האפר על ראשה
מעל למצח הצנוע.

(„א פלאטער פון שלוה. ניסן גייט צום סוף.
א קלאנג פון א עמער און א צעזונגענעם ברונעם.

„האָריזאָנטן"

אויפֿן שוועל זיך געזעצט האָט רוען
די דרימלענדיקע קבצנ׳טע.

ווי אַן איינגעדאַרטע שוואָם
פֿון גרייז־גרויען וואַלד. רואיק זיך באַוועגט
די אַשיקע פּאַטשיילע אויף איר קאָפּ
איבער דעם באַהאַלטענעם שטערן")

אויפֿוועקן דאָס געשטאַלט פֿון דער שטעטלדיקער קבצנ׳טע איז זייער א געוואַגטער פּרווו אַריינצופּלאַנצן א טראַציקעווירקלעכקייט אין דער טרוימען־וועלט פֿון אונזער שטעטל. יענע אָרעמעלייט, מענער און פֿרויען, זענען נישט געווען פֿאַר אונז קיין מינדעסטע איבערלעבעניש. מען האָט גיכער אויף זיי געקוקט ווי לייט וואָס פֿאַרמינערן מיט עפּעס דעם אויסזיי און געשטאַלט פֿון דאָס טייערע שטעטל. נישט איינמאָל האָט מען אויך געפֿונען א טעפּל מיט גאָלד־מטבעות ביי א קבצן וואָס איז געשטאָרבן אין אויסגעדאַרטער פֿון הונגער — און דאָס שטעטל איז געווען פֿאַר׳חידוש׳ט און פֿאַר׳צער׳ט. ווי נידעריק זענען יידן געפֿאַלן, אַז זיי האָבן שוין אָנגעווירן יעדן געפֿיל פֿאַר דער אמתער מאָס פֿון לעבן און קבצנות איז געוואָרן זייער גאַנצער אני־מאמין אויף דער וועלט.

אָבער טראָץ אַלעם, ווען מיר לייענען איבער די דאָ געבּרענגטע שורות, באַקומען מיר א לייכטן אויפֿטרייסל אין דער נשמה. יענע קבצנים מיט זייער העסלעכער פּלײשיקייט זענען שוין אוועק אין דער אומענדלעכקייט. זענען שוין העט ווייט פֿאַרגעסן געוואָרן. איר ווערט גאָר פֿאַרוואונדערט פֿונם געפֿיל, אַז טאַקע די קבצנ׳טע, נישט נאָר וואָס זי פֿאַרמינערט נישט פֿון דער שיינער רעאַליטעט פֿון דאָס שטעטל, נאָר גאָר פֿאַרקערט, זי דערגענצט א שטיק פּייזאַזש וואָס וואָלט ממש אויסגעפֿעלט ווי א בלויז אין א בילד, ווען זי וואָלט נישט געשילדערט געוואָרן.

ישעיהו אוסטרי־דן

איר שעמט אייך, אָבער איר קענט אייך נישט באפרייען פון געפיל, אז עפּעס פּאטריארכאלישעס ליגט אין דער געשטאלט פון דער קבצנ׳טע. עס גרילצט אייך דער אויסדרוק, איר שעמט זיך פאר דעם געפיל, אָבער ער איז אייך נישט משונה׳דיק און נישט ווילד־פרעמד. גאָר פארקערט. איר שטייט מיט ביידע פיס אויף א זיכערן, גוט־באקאנטן באָדן. דאָס איז עס טאקע דאָס שטעטל. אָט אזוי האָט עס אויסגעזען. טאקע די קבצנ׳טע אויפן שוועל. אמאָל פלעגט זי פארמאטערט ווערן פון אזוי פיל וואנדערן און זי האָט זיך פארבענקט נאָך א זיכערן שוועל פאר א געשעפט אָדער פאר א הויז. זעצט זי זיך צו און כאפּט גאָר א שמועס מיט דער בעל־בית׳טע. ביידע, די בעל־בית׳טע און די קבצנ׳טע זענען צוויי שטיקער לעבנס אין הארץ פון שטעטל, ביידע זענען צוויי געוויקסן אין פּייזאזש פון יידישער שטעטלשער ווירקלעכקייט.

„והקמטים הנפתלים
ההרותים על לחייה —
זכרון דרכים, זכרון שבילים
אשר עברה בימי חייה".

(„און די שלענגלענדע־זיך קנייטשן
אויסגעקריצטע אויף אירע באקן —
זכרונות פון סטעזשקעס, זכרונות פון וועגן
וואָס זי איז דורכגעגאנגען אין איר לעבן")

עס דערוועקט זיך אין אייך א וועלט פון אוועקגייענדע זכרונות. געווען זענען יידן אין אונזערע שטעטלעך, און זיי זענען געגאנגען איבער די וועגן פון יידישן אומגליק און נישט געוווּסט אז זיי טראָגן דעם סימבאָל פון אונזער דלות, פון אונזער היימלאָזיקייט, פון אונזער אומזיכערקייט איבער אלע וועגן פון דער יידישער אייראָפּע. די קנייטשן אויף די באקן פון דער קבצנ׳טע. דאָס זענען פארוויאנעטע יידישע טעג און יאָרן. די זכרונות פון

„... ישבה לפוש על המפתן
הקבצנית המתנמנמת".

„האָריזאָנטן"

די וועגן און סטעזשקעס זענען די געשיכטע פון יידישע פיס וועלכע זענען געגאנגען און געגאנגען און אין ערגעץ נישט דערגאנגען.

„בהרת שמש בחיקה
כבתולה שבעה תנות,
בכנסיה מרותקה
בפעמון נגע הרוח.

נפעם היום ומתרונן,
ובידה עובר הרעד.
בחלומה — מרחב צונן,
והיא פוסעת".

(„א זונען-פלעק אין איר שויס,
ווי א זאטע קאץ זי רוט.
אין א ווייטן קלויסטער
האָט א ווינט דעם גלאָק אָנגערירט.

דער טאָג איז צעטומלט און צעזונגען,
אין איר האנט פליסט דורך א ציטער.
אין איר חלום — א קילע ווייטקייט.
און זי שפרייזט").

ישעיהו אוסטרי־דן

דער פרילינג איז געקומען אויף דער וועלט, ווילנס און האָפענונגען האָבן זיך צעשפּילט אונטער אַלע הימלען, פון די רייכסטע פּאַלאַצן ביז דאָס אָרעמסטע איינגעפאַלענע הייזל פון אָרעמסטן צווישן אַלע אָרעמע פּויערים — נאָר מיר גייען. די קבצנ׳טע האָט אין איר חלום א קילע ווייטקייט דערשפּירט. נישטאָ קיין טרוים אין די יידישע ווייטקייטן. נישטאָ קיין וואָרעמקייט פון א האָפענונג־שטראַל. אַלץ איז פאַרטונקלט, פאַרשטעלט, פאַר־מרה־שחורה׳דיקט. אָבער דער באַפעל פון לעבן איז שטאַרקער ווי אַלץ. גייט מען. איז דען דאָ עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן? איז דען אן אויסוועג דאָס „נישט גיין”? איז דען דאָ א לייזונג אין „נישט שפּרייזן”?

טיפע געפילן וועקט אויף דאָס ליד „ראשית האביב”. די וועלט האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַלע פלאַקערן פון ליבע און וווקס, די זון האָט זיך צע־שיינט איבער אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט. נאָר זי, די קבצנ׳טע, גייט פאָרויס צו דער קילער ווייטקייט.

עס ווערט אייך אַזוי אומעטיק אויף דער נשמה. עס ווערט אייך אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן. און איר טראַכט זיך: ווי וואָלט דען אויסגעזען דאָס שטעטל ווען נישט די טרויעריק־אוועקגייענדע, אייביק אוועקגייענדע קבצנ׳טע? עס וואָלט געפעלט א שטיק לעבן אין דאָס פאַרטונקענע און פאַר־שווונדענע בילד פון אונזער אַלטער היים וואָס לאה גאָלדבערג שילדערט אונז אַזוי צאַרט, באַפליגלט, כמעט אומזעבאַר. און איר באַגלייט אין אייער שטילן פאַרנאַכט דעם פּערז, וואָס פירט אוועק אונזער קבצנ׳טע צו ווייטע וועגן וואָס בלאָזן מיט גרויקייט און פאַרוויאַנעטע האָפענונגען. זאָל זי נאָר גיין די אַלטיטשקע. זאָל זי נאָר שפּרייזן. די יועגן זענען נאָך אָפן. עס איז גוט וואָס די וועגן שטייען נאָך אָפן. ווייל דערנאָך — דערנאָך איז געקומען א צייט. ווען די פעלדער האָבן פלוצים אַלע וועגן פאַרלוירן, ווען די טייכן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן און די האָפענונגען זענען אַנטרונען. דאַן איז זיכער שטיין־געבליבן די אַלטיטשקע מיט איר מאָרבע, און האָט מיט איינ־מאָל דערזען, אַז דער וועג איז מער קיין וועג נישט, ווייל ער פירט אין ערגעץ נישט. האָט זי דאַן פאַרשטאַנען פאַרוואָס זי איז אַזוי פיל געגאַנגען אין איר לעבן. זי האָט געוווסט אַז דער גאַנג איז עפּעס א משונה׳דיקער. זי האָט זיך גאָר נישט פאַרגעשטעלט, אַז זי וועט גיין און גיין און ערגעץ נישט דערגיין. אפשר איז געווען א מוטנער פאַרגעפיל, אָבער קיין קלאָרקייט איז

דאָ נישט געווען, און אויך נישט קיין זיכערקייט. אזוי לאנג ווי מענטש איז דאָ, אזוי לאנג וועט א וועג זיין. אָבער דאָ, מיט איינמאָל, איז זי דער־גאנגען צו א וועג וואָס איז מער קיין וועג נישט געווען. האָט זי פארשטא־נען: דער מענטש האָט דאָ ערגעץ אויפגעהערט, ערגעץ איז אָפּגעהאקט גע־וואָרן דער פּאָדים, און נישטאָ מער קיין המשך.

מיר באגלייטן מיטן קריסטאלין־פּערל פון לאה גאָלדבערג די קבצנ׳טע ווי טרויעריקע נביאים. מיר ווייסן דאָך אז זי וועט נישט פארגיין. אָבער לאה גאָלדבערג האָט עס נישט דערציילט. זי האָט די קבצנ׳טע באגלייט אין וועג אריין. איז זי אוועק און ווייטער געטראָגן מיט לאנגזאמען פיין־טראָט דעם דורות־יאָך אויף די אלטע אויסגעמאטערטע פּלייצעס.

דאן, אין יענעם טאָג, איז נאָך פאָרט דער פרילינג געשטאנען אין זיין גאנצער פּראכט און האָט פארפירט, צוגעזאָגט, און פארבלענדט דאָס יידישע אויג. האָט דאָס שטעטל נאָך געגלויבט, אז דער וועג איז א וועג, און דער גאנג איז נאָך א גאנג. די ווייטקייט איז שוין טאקע געווען קיל, אָבער ווען זענען עס די יידישע האָפענונגען געווען דורכגעזאפּט מיט גליאיקן אָטעם? ווען האָבן דען די ווייטקייטן געוווּנקען פון די וועגן צו יידישע גייער?

פארבלייבן אויך מיר מיט דער זיסער־אומעטיקער זיכערקייט, אז דער וועג איז נאָך ווערט געווען ער זאָל געגאנגען ווערן. ס׳איז נישט געווען קיין אנדער אויסוועג. איז דאָס שטעטל געגאנגען, ווידער געגאנגען, ווייטער גע־גאנגען אקעגן אומברחמנותדיקן גורל פון אלע יידישע שטעט און שטעטלעך אין די לענדער פון מזרח־איירָאָפּע ביים שוועל פון אכטן יאָרהונדערט אין זעקסטן טויזנטער לבריאת העולם.

קליינע קלאַנגען פון גרויסע נעכטנס

אין אומעט פון זכרון רוישט א וועלט א פארזונקענע. איר ווילט מיט אַלע כוחות געדענקען, ביז דעם לעצטן טראָפּן פון איבערגעבליבענעם זאפט אין אייערע אָדערן. איר ווילט פארטונקען דאָס גאנצע וועזן פון מינוטן און שעהן אין נישט פארלאָשענע ליכטער פון ווייטע נעכטנס. אָבער קומען קומט נאָר אויפן זכרון א ווירבל פון קלייניקייטן, א קליינע־קינדערשע, נאָ־איווראינטימע נאכט־מוזיק וואָס דערהויבט אייך און פירט אייך אוועק אין ווייטע ספערן פון נישט דערגאנגענע וועגן און נישט דערזונגענע לידער. די נאכט זינגט דאָס ליד פון דאָס נישט דערזונגענע. דער טאָג גייט דעם גאנג פון דאָס נישט דערגאנגענע — און אונז איז אזוי שווער צו לעבן דאָס לעבן פון דאָס נישט דערלעבטע, אין יענע ווייטע־נאָנטע, אומגעקומענע־עקזיסטירנדע אלטע היימען פון שווייגנדן און מוראדיקן אייראָפּעאישן בית־הקברות.

איך האָב ליב, שטארק ליב, דאָס קליינע, בלאַסע און מוראדיק־צוריק־געהאלטענע ליד פון לאה גאָלדבערג אין אירע שילדערונגען פון דער אלטער היים. איר זענט ווי איבער די וואָלקנס פון א לעבן און דאָך אזוי געוואלדיק ערדיש. איר קענט נישט און דארפט נישט אריינוואקסן אין די הימלען צו־ליב די לעבנס וואָס איר האָט איבערגעלאָזט אונטער זיך, ווייל די ערדיש־קייט אליין איז געגנוג הימליש. אָט אין דער משוגע׳דיקער פשטות פון לאָה גאָלדבערגס שילדערונג ליגט דאָס באַאָטעמטסטע און באזאלבטסטע פון אונזערע בענקשאפטן נאָך א בילד פון דער אלטער היים.

מיר האָבן געזעען די אלטע היים און נאָר היינט, איצט היינט, האָבן מיר זיך ארומגעקוקט אז מיר האָבן פארגעסן זיך צו איר צוצוקוקן. מיר האָבן געזעען און נישט געוואוסט וואָס מיר האָבן געזעען. מיר האָבן גע־

גלויבט, אז מיר שטייען פאר א נצח׳דיקער ווירקלעכקייט און דאָס לעבן וועט שוין אליין פאר זיך זאָרגן עס זאָל זיין, אייביק זיין, אייביק שטאַרצן מיט איר ליכטיקן שטערן און אויפגעפּראַלטע אויגן אקעגן דער יירישער געשיכטע.

אָבער פּלוצים איז די גרויסע אייביקייט א נישטיקייט געוואָרן. פּלוצים זענען מיר געבליבן שטיין אין א מדבר פון וועלכן די ווירקלעכקייט איז פארשוווּנדן געוואָרן ווי א פאטא־מאָרגאנא־אַאזיס פון פאר די אויגן. גאָרנישט איז נישט געבליבן און מיר זענען פארווּנדערט צוליב דער משונה׳דיקער גרוים פון דער ליידיקייט ארום. נעמען מיר קוקן אין דער פארגאנגענהייט און א קעלט גייט דורך די ביינער. עפּעס מיר זעען נישט דאָס וואָס מיר האָבן געבענקט צו זען. עפּעס נעפּלט זיך אין זכרון און פארשטעלט פארן אויג דאָס לעבן נאָך וועלכעס מיר גאָרן. מיר זענען פארערעמט געוואָרן אויף אייביק ווייל מיר האָבן פארגעסן צו קוקן ווען מיר האָבן געהאט די מעגלעכקייט עס צו מאָן.

ווען דאָס לעבן ארום איז געשטאנען אין פולקאָמען בלי, זענען מיר געווען פארנומען מיט זיך, מיט אונזער עתיד, מיט אונזער וויזע, מיט אונזער עמיגראציע, מיט אונזער מאָרגן וועלכער איז געשטאנען מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און האָט גאָרנישט נישט צוגעזאָגט. מיר האָבן פארגעסן דעם היינט פון דאָס לעבן ארום און דעם מאָרגן פון פאָלק ישראל אין מזרח־אייראָפּע. א וועלט איז געשטאנען באַפערלט מיט א מזמור אויף די ליפּן און אונזערע אויערן זענען צו שווער געווען עס צו דערהערן. עס איז געווען ווי דער פנים פון א מוטער, א פאָטער, א ברודער אָדער א טייערן הבר וואָס מיר האָבן געזעען שטענדיק, יעדן טאָג, שוין גאנצע געזעען, אָבער מיר האָבן פארגעסן זיך צוצוקוקן. אויך זיי האָבן מיר געגלויבט שטענדיק צו זען ארום אונז און אליין שטענדיק צו זיין ארום זיי. און מיט איינמאָל זענען זיי פארשוווּנדן און אוועק אין דער קאַלטער און אכזריותדיקער אומענדלעכקייט — און מיר זענען פּלוצים געבליבן אליין. מיר גלויבן נישט דאָס שרעקלעכסטע — אָבער עס איז וואָר. מיר זענען געבליבן אליין ווייל מיר האָבן זייערע פּנימער פארגעסן צו באהאלטן אין הארצן, ווייל מיר האָבן זייערע אויגן פארגעסן איינצוקריצן אין זכרון, ווייל זייער קול איז פארשוווּנדן געוואָרן פון אונזערע אויערן.

„האָריזאָנטן"

און אַט דערשיינט לאה גאָלדבערגס ליד מיט די קליינע קלאַנגען פון די גרויסע נעכטנס, און מיר האָבן מיט איינמאָל געפונען דאָס וואָס אונז האָט זיך געדאַכט אז מיר האָבן אויף אייביק פאַרלאָרן. אַט איז די טיפע נאַכט וואָס קומט צוריק ארויף א געלייטערטע פון אונזער פאַרנעפּלטן זכרון. אַט זענען די טויבן, דער רעגן, דאָס מיידל מיטן עמער, דאָס שטעטל, דער גאָרטן, די שניידערקע מיט איר אלטן ניגון ביז אין גרויען צאָפּ אריין.

געוויס זענען דאָס נאָר איניקע קלאַנגען פון א גרויסער וועלט וואָס מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט הערן און זען, אָבער די איניקע קלאַנגען זענען א ליכט אין דער מצרים-פינצטערקייט אין וועלכער מיר בלאָנדזשען, דאָס איז א וועג-ווייזער פאַרן אויג, עס זאָל וויסן ווי אזוי צו קוקן כדי ארויפּ־ברענגען אויפן זכרון די בילדער וועלכע זענען אזוי טראַגיש פאַרלוירן געגאַנגען פון אונז.

ווען מיר קוקן זיך צו, צו די שילדערונגען אין ליכטן טיול-שאל פון לאה גאָלדבערגס פּעזי, ווערט אזוי ווארעם אויפן הארצן און אזוי זיס אויף דער נשמה. דאָס אויג ווערט פייכט און מיר ווערן ארומגענומען מיט א טיפער דאנקבארקייט פאר דער שטילער דיכטער־האַנט וואָס האָט ארויסגעצויבערט פון אונזער פארגאנגענהייט אזעלכע וונדערבארע קלאַנגען פאר אונזער דורשטיקן אויער.

לאָמיר גיין אויפן וועג פון ליכטן טראָט פון יענע קינדערשע יאָרן. יענע טעג שווימען אויף אין פולער ליבטיקייט און שיינען ווי מאורות פון ששת ימי בראשית. די וועלט האָט זיך איינגעטונקען אין נייע פּראַכטן לכבוד אָרעמע, נעבעכדיקע, שוואַכע עכאָס פון אמאָלן. וואָס שלענגלט זיך דען אין מוח? עפּעס אן אָפּקלאַנג פון א פאַרענגטן פאַרנאַכט, מיט פייכטע צווייגן און געני וואָס דרייען זיך ארום אויפן מאַרק. נידעריקע הימלען און אומעטיקער קוק. איר זענט פאַרחלומט. ווענט קוקן צו אייך און שפּאַרונעם וונקען טרויעריק-זיס. אייך פעלט עפּעס אין דער נשמה. עס איז זיס-לײדיק. איר זענט אריבער צו א גרינג-טראָטיקן געדאַנק. נאָר די לייִדיקייט לאָזט אייך נישט אָפּ. עפּעס דערמאָנט איר זיך אין יענעם אָוונט, אין דעם פאַרענגטן פאַרנאַכט, און ס'איז נישט גאַנץ דאָס בילד. און אַט,

„הרחוב שומם, אבל פתאום

י ש ע י ה ו א ו ס ט ר י ־ ד ן

לאורך החומה
הולפת כברק אדום
מטפחת העלמה".
(„די גאס איז פוסט, אָבער פלוצים
לענג-אוים דעם מויער
ווי רויטער בליץ פליט דורך
דאָס טיכל פונעם מיידל")

איר ווייסט נישט פאַרוואָס איך דאַכט זיך פלוצים, אַז דאָס איז טאַקע ס'בילד וואָס האָט געפעלט אין דער גאַנצקייט פון יענעם אָוונט. איר האָט נישט קיין געניטעם פאַרבאַנד מיט דאָס מיידל וועמענס טיכל איז דורכגעפלויגן פאַר אייערע אויגן. עס איז אויך נישט, — ווייט נישט, — עפּעס סימבאָלישעס. איר שטייט פאַר אַ פּשוטער שלמות. אַזוי איז עס אין איר גאַנצקייט דאָס בילד. אַזוי איז עס אין דער פולקאָמקייט. אָט איז עס דאָס מיידלשע וואָס האָט ס'האַרץ דערהויבן און טומלדיק-זים געלאָזט ווי-ברירן, נעבכט גאַנצע, און טעג און אָוונטן. ס'איז געווען דאָס שטעטלשע מיידל, אליין אַזוי שעמעוודיק, אליין אַזוי אומבאַהאָלפן. אליין אַזוי באַ-עמערט אַ גאַנצן טאָג מיט וואַסער, באַרוועסערהייט, און פאַרשעמט געלאָפן פון ברונעם, אָדער „וואָדעטשאַנג", פאַר די זוכנדע האַלב־אוועקקוקנדע בחורשע אויגן. די מאַמע האָט נאָך ווען ס'איז אַ זידל געגעבן אויפן קול, און אויך מיט אַ פּאַטש מכבד-געווען פון צייט צו צייט. דאָס טיכל אָבער וואָס איז אַדורך פאַרן מויער, אין געסל, ביים ברונעם, ביים געוועלבל, האָט אַזוי דערציטערט און פאַרשיכורט דאָס האַרץ. און עס וואונדערט נישט, עס וואונדערט כלל וכלל נישט, וואָס גראַד איצט איז דאָס טיכל פון מיידל אויפן געדאַנק געקומען. ס'איז גוט אַזוי. ס'איז זיס אַזוי.

„הסמטה צרה.
דלי פגע בדלי.

„האָריזאָנטן"

צחוק של נערה
סרט הכלילי".
(„ס׳געסל איז שמאָל.
עמער אין עמער אָנגעשטויסן.
מיידל געלעכטער
רויטע סטענגע").

און זוען דער באַרוועסער פוס איז דורך, — דאכט זיך, ווי דער גרויער שטיין וואָלט א געגלעטער געווען, א געבענטשטער, א באהויכטער. איר בלייבט שטיין פארחלומט אין אייער קליינשטעטלדיקער יינגלשער תמימות־דיקייט און איר וואונדערט זיך אויפן שפע פון גליק וואָס ביי אייך אין הארצן. דער שטיין איז אזוי גרוי און דאָך אזוי גלעטיק, אזוי סאמעטיק, אזוי לעבעדיק־טרוימעריש. און ס׳דאכט זיך אייך, אז איר בײדע רעדט, איר ביידע דערציילט אייך וועגן א גליק וואָס האָט נאָר וואָס דורכגעשוועבט אין אייער מחיצה. נאָר דער שטיין איז ווי דער געוויינער. אים האָט א געטלעכער פוס צוגעדעקט ס׳פנים. און איר גייט אוועק מיטן געפיל, אז דעם שטיין איז זים איצט. וואָס ארט אים איצט שטיוול, שיך, בלאָטע און פערדן־מיסט. ער איז אין דער הויכער ספערע פון איבערגעלעבטן גליק און די גרויע וועלט ליגט הינטער אים, ווייט, העט־ווייט, הינטער אים.

איר גייט אוועק מיט אייער זיס־טייערן טרויער אין הארצן און ס׳אויג איז גליקלעך־פייכט. איר ווילט אָנשפארן כ׳אויג אויף עפעס זאפטיקעס, ווי דער קוואל אליין פון לעבן וואָס איז אזוי זיס צעשפילט אין אייער אינגע־ווייד. איר ווייסט נישט וואָס אייך וועט קומען אויפן גערדאנק. איר זענט פארטראכט־פארזאָרגט. איר דאגה׳ט נישט מיטן פאר׳צער׳טן שטערן. איר זענט נאָר אין א פארזאָרגטער דערוואַרטונג. איר ווייסט גאנץ גוט, אז עפעס איז דאָרט אין שטעטל געווען וואָס האָט אייך אין אייער איינזאַ־מער קילקייט פון רעגנדיקן פארנאכט אָנגעפילט מיט א פולן עמער חלומות. איר זענט פארטראכט, שוין באלד אוועקגעטראכט אין אנדערע ספערן און דאָ,

ישעיהו אוסטרי-דן

„שעה חורת זאת, מופזת ונלאית.
הרוח האחרון קפל את מפרשו.
הנה יונים ישבו לנוח על מלאת,
העיפות שלי! הנצחיות מנשוא!

גולשים העננים. היום ילך, יפרוש
אל מנזרו הרם. חשכו האילנות.
רק היונים יושבות עדין — ראש אל ראש,
בצמד מודקן על ספר זכרונות".

(„אזא בלאסע שעה, א באגילדעטע און מידע.
דער לעצטער ווינט האָט זיין זעגל פארוויקלט.
אָט זיצן טויבן און רוען אויפן דאך,
מיינע פארמאטערטע! אייביקע, נישט צום פארטראָגן!

ס'קייקלען זיך וואָלקנס העט-ווייט. דער טאָג גייט אוועק, ציט צוריק זיך
אין זיין הויכן קלויסטער. פינסטער געוואָרן די בוימער.
נאָר די טויבן זיצן נאָך אלץ — קאָפּ-צו-קאָפּ,
ווי אן אלט פּאָרל אויפן ספר הזכרונות")

איר דערמאָנט אייך שטילערהייט אין דאָס בילד וואָס האָט אייך אריינגעצויגן אין א רואיקער וועלט פון לאנגע דורות. איר זענט באַרואיקט געוואָרן ביים אָנזען פון פּאָרל טויבן מיט זייער רואיקער, געדולדיקער ליבע איינס נעבן אנדערן, און איר האָט טאקע געהאט ס'געפיל ווי ס'וואָלט געווען צו פיל ליבע-זיכערקייט, צופיל אייביקייט אין דעם זיצן פון די



„...רק היונים יושבים עדיין — ראש אל ראש,
בצמד מזדקן על ספר זכרונות".

טויבן, אַז אַ מענטש זאָל עס קענען מיט זיך פאַרטראָגן אין זיין נעסט אַריין. ס'מיידל איז פאַרשווונדן מיט איר טיכל. דער קלאַנג פון עמער איז שוין לאַנג פאַרזונקען אין דער קילקייט פון פאַרנאַכט. איר בלייבט שטיין איינזאַם־אַליין מיט הויפנס קליינע קלאַנגען פון גרויסע נעכטנס און איר וווּנדערט זיך שוין כמעט נישט, פאַרוואָס דווקא זיי, דווקא די קליינע קלאַנגען, זענען צו אייך אַרויפגעקומען פון די גרויסע נעכטנס.

* * *

מיט איינמאָל נידערט איר אַראָפּ מיט אייער וואַנדערנדן אויג אין טיפן טאָל פון זכרונות און איר גייט אַרויס מיט אַ גרינס־באַלויכטענעם בליק צו די שטילע געסלעך פון אייער שטעטל. איר ווייסט נישט פאַרוואָס דאָס שטעטל מיט דעם הויקערדיקן אויסזיי, בלאָטיקע געסלעך און האַלב־איינגעפאַלענע הייזלעך, איז מיט איינמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אייער וויזיע אין אַ ווירקלעכקייט וואָס בליט אַרויס פון אַ ים מיט גרינס. איר ווייסט נאָר, אַז עס בליט דער פרילינג ביי אייך אין דער נשמה און איר האַלט הויפנס מיט גרינס אַנקעגן דעם אויפגייענדן זכרון פון אייער שטעטל.

פריער איז געווען נאָר דער איינציקער קלאַנג פון אַ בילד, דער שטילזיסער שאָרך פון אַ וויזיע וואָס האָט דורכגעפלאַטערט און אַ בליץ געטאָן פאַר אייערע אויגן. איצט האָט איר מיט איינמאָל אַנטדעקט אַ גרויסע פּאַנאָראַמע פון אַ וואונדער־נעץ פון גאַסן און געסלעך, הייזער און קליינע שטיבלעך, פּליכעוואַטע ווענט וואָס דער רעגן האָט פון זיי דעם געלן קאַלך אַראָפּגעשווענקט אָדער דעם ווייסן קאַלך געל געמאַכט, — און דאָס אַלץ איז גירלאַנדירט מיט גרינס און דופּטיקע בלומען־קראַנצן וואָס פלעכטן זיך און קנוילן זיך אין איין כישופדיקער בליאונג פאַר אייער זכרון־וויזיע.

איר זעט נישט דאָס שטעטל אין אַ קלאָרער שיין. נישט אין קלאָרקייט קומט אָן יענע וועלט צו אייך. אַז איר ווילט, איז עס אויך נישט די טיפע ליבע וועלכע האָט אַרויסגערופן דאָס בילד. ווען מען דענקט וועגן לעבן — טראַכט מען נישט פון עס ליבן. דאָס לעבן גרייכט העכער, און שטייגט בערגיק־שטאָלץ איבערן ראַנג פון „געליבטע" זאַכן. דאָס לעבן איז אַ וועזן אַן און פאַר זיך, אַ וועזן וואָס גייט אַרויס פון די ראַמען פון נעבן־קלאַנגען וועלכע דאַרפן עס באַזיסן און באַ'טעמ'ען. לעבן איז פּערמאַנענטע ווירקלעכקייט. לעבן איז ליבע. לעבן קען אַפּט פאַרמיאוסט ווערן ביים יחיד.

ישעיהו אוסטרי־דן

לעבן קען אמאָל פאַרשאַלטן ווערן דורכן ליידנדן. לעבן קען אָבער קיינמאָל נישט געליבט ווערן. ווען איינער פאַנגט אָן ליבן דאָס לעבן, דאַן איז מסתמא עפּעס אויסגעליידיקט געוואָרן אין זיין נשמה. ווען אַ מענטש האָט אָנגעפאַנגען זוכן נעבן־געפילן, נעבן־באַרוישונגען איז דאָס אַ סימן־עניות פאַר אים. לעבן איז אַזוי ווי אָטעם. הייבט אָן אַ מענטש דענקען ווי אַזוי ער אָטעמט, פאַרוואָס ער אָטעמט און צי אָטעמט ער בכלל ווי מען דאַרף — מוז ער זיך נעמען שטיקן אין דער ערשטער נאַכט אויף זיין געלעגער. לעבן איז ווי זיין. מ׳דאַרף עס מיטמאַכן ווייל מ׳קען נישט אַנדערש. ווייל אַנדערש איז אומדענקבאַר און וואַנזיניק. לעבן איז דאָס „אַלץ" פון אונזער זיין.

איר האָט נישט ליב דאָס שטעטל. איר לעבט דאָס שטעטל. איר לעבט דעם עכאָדיקן קלאַנגען־געוווירבל וואָס טראָגט זיך צו אייך אָן אויפהער, און איר זוכט אַרויס מיט געוואַלדיקער מי און שווייסיקן אָנשטרענג דעם איינציקן, אויפנעמבאַרן פליגל־פלאַטער פון יענעם לעבן.

ווידעראַמאָל — אַ גרויסע וועלט באַזאַלבט מיט עכאָס פון קליינע קלאַנגען. פון אָנפאַנג ווי ס׳וואָלט געווען אַ גאַנצקייט, אַ טאָגטעגלעכע שלמות אין אייער וויזיע:

„לא אהובה! איכה עלית לפתע
בזכרון סולח ומזוהר —
שורת גגות גולשת ושוממת
מול זרם רישלני של הנהר".

„נישט קיין געליבטע! און דאָך ווי ביסטו פּלוצים אַרויף
מיטן שיינענדן, סליחה׳דיקן אָנדענק —
אַ דעכער־שורה טראָטלט און לאָזט זיך אַראָפּ
אַקעגן פּוילינקן שטראָם פון טייך".

אָבער די שלמות׳דיקייט איז נאָר אַן אילוזאָרישע. זי איז ווי אַ בילד

„האַריזאָנטן!"

וואָס דער מאָלער האָט אין אים אַלץ אַרויסגעענדיקט נאָר ער האָט פאַרגעסן צו מאָלן דעם פּנים. די שלמות׳דיקייט ווערט אַזוי אַרום אַ ביסל אומאַנגענעם. איר בלייבט שטיין מיט גיריקע פינגער און איר קענט גאָרנישט ניט אָנכאַפּן. אַלץ גליטשט זיך אייך אַרויס פון אונטער זיי. און די פינגער אַליין ווי זיי וואָלטן גענומען גליווערן. איר רייסט זיך צו דער גאַנצקייט וועלכע שטויסט אייך אומברחמנות׳דיק אָפּ פון זיך. זוכט איר אָן אָנשפּאַר אין דאָס דערגרייכבאַרע אין דעם קליינעם עכאָ-קלאַנג וואָס טיינט אויף מיט אַזאַ התמדה, פּערמאַנענט און אַזוי מוטערלעך פאַר אייערע אויגן:

„זמרת-משוט גונחת ומובנת

וצחוק גרוני מתחת לגשרים.

וקול נחר של קבצנית גבנת,

וצהלת ריבם של נערים..."

(„אַ קרעכצנדער וויאָסלע-געזאַנג און אַזאַ פאַרשטענדיקער,

און גאָרגלדיקער געלעכטער אונטער די בריקן.

און הייזעריקער קול פון הויקערדיקער קבצנטע,

און רווישיקע קריגערייַ פון יינגלעך...")

איר זענט אָנגעקומען צום שוועל פון דערגרייכטן גליק. אָט נאָכדעם האָט איר דאָך געבענקט. איר האָט אַרומגעזוכט דאָס שטעטל אין אַלע אייערע שלאָפלאָזע נעכט אין אַלע אייערע פאַרוויאַנעטע שעה׳ן וועלכע האָבן אָנגעצונדן פאַרגעלבטע בלעטער אין די האַרבסטיקע אָוונטן. איצט — איז דאָס וווּנדער געשען. איר זעט דאָס שטעטל און איר לעבט מיט, מיט אַלע אייערע חושים יעדן קלאַנג, יעדן שפּרודל, יעדן עכאָ פון דאָס געוועזענע. איר זעט דורך דעם זהר-רעגן פון מיליאָנען צאַפּלדיקע מאָמענטן דעם גרויסן כישוף פון אַן אויפבליענדיקער וויזיע פון אַ לעבן וואָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל...

י ש ע י ה ו א ו ס ט ר י ־ ד ן

„על אודם לבנים שולי מגבעת
ושחור צמה ואור חיוך נכלם...
ואת וילדותי קטנת הצעד
שלא תשעב אליך לעולם".

(„אויף רויטן ציגל ראַנד אַ הוט
און שוואַרצער צאָפּ, אויפשיין פון שמייכל פאַרשעמטן...
און דו און מיין קליין־טראַטיקע יוגנט
וואָס קיינמאָל צו דיר וועט מער נישט קומען".)

די זכרונות בליען און בלעטער פאַלן. די וויזיע איז אַריין אַ בלאַסע, אַ בלוטלאָזע אין אייער אָוונט. אַלץ וואָס געווען וועט שוין מער נישט זיין. נישט די בריק און נישט דאָס געסל, נישט די וואַנט און נישט דער טייך, נישט דאָס שיפל און נישט דער שוואַרצער צאָפּ מיט די גרויסע טרויעריק־אויפגעפּראַלטע מיידלשע אויגן. אַלץ איז פאַרזונקען אין קלאַנגלאָזן תהום און איר פאַרבלייבט מיט דעם קאַלטן אוצר פון אייערע זכרונות ווי אַ טויט־הונגעריקער גביר אויפן באַרג פון זיינע גאָלדענע רענדלעך. איר זעט יענע וועלט, אָבער אירע כוחות דערגייען נישט צו אייך. זי איז דאָ אין אייער מיזאַמען אָנשטרענג אָבער זי שפּייזט אייך נישט מער. דער אומגליק שוועבט מיט שווערע פליגל איבער אייער קאָפּ און לאָזט נישט דאָס שטעטל צוקומען צו אייך. ער ברומט בייסיק פון צווישן די ציינער: „האָף נישט, דו מענטש! אַלץ איז פאַרלוירן! אַלץ וואָס געווען וועט שוין מער נישט זיין! האָף נישט דו מענטש! אַלץ איז פאַרלוירן!.."

איר רייסט אייך אָבער באַלד אָפּ פון הונגעריקן טרויער. איר דער־שפּירט גלייך אַז איר זענט נישט אַרויס ראַטעווען פאַרלוירענע ווירקלעכ־קייטן נאָר אַז איר ווילט לאָזן אויפבליען אין אייער האַרץ די פּערמאַנענץ פון זכרון און פאַרשפּרייטן אַרום אייך די הייליקע ריחות פון אַמאָליקן לעבן וואָס וועט דאַרפן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייעם מקדש, אין אַ נייעם מזבח פאַרן פאָלקס־גניוס, אַזוי ווי פיל אַנדערע אומגליקן און אומ־

„...על אודם לבנים שולי מגבעת
ושחור צמה ואור חיוך נכלם..."

„האָריזאָנט!"

קומען וועלכע זענען פאַרעפּלעכט געוואָרן אין לויף פון דער געשיכטע ביז דער העכסטער מדרגה פון קדושה.

איר קלייבט זיך ליכט פונאַנדער אין גאַנג פון לאה גאָלדבערגס שוועב איבער די קלייניקייטן פון יענע גרויסע טעג. איר סטיל איז פאַר־בישופ'נדיק עטערדיק, פאַרכאַפּנד און פאַרוויגנד. איר קענט רויִק פאַרמאַכן די אויגן.

לאה גאָלדבערג פירט אייך נישט אוועק אויף הויכע בערג און שפּרייזט אויך נישט מיט אייך איבער תהומות. איר שפּירט ווי זי פירט אייך אַראָפּ מיט אַ ווייכער און ליבנדער שוועסטער־האַנט איבער אַ לייכט אַראָפּגיייענדן וועג צו אַ וואונדער־טאָל פון אַ שטעטל וואָס איז געווען, און איז נאָך אַלץ, אָן אויפהער, כסדר, אומאויפהערלעך אונזער בלוט און אונזער פלייש.

איר וווּנדערט זיך אַליין: פאַרוואָס איר פאַרבלייבט אַזוי צוגעשמידט צו יעדער שורה אין ליד פון לאה גאָלדבערג. איר פילט, אַז איר באַגייט אַן אומגעגלעבקייט. איר ווילט אויפשטעלן די געפילן־וועלט פון דער דיכטערין ווען זי איז געזעסן ביי איר שלוה'דיקן שרייב־טיש און אַרויסגע־בישופ'ט אירע רעמיניסצענצן פון יענע ווייטע מקומות פון דאָ נישט לאַנג צוריק. איר שפּירט, אַז איר זענט אַרויף אויף אַ וועג, וווּ איר אַליין וועט אפשר פאַרמאַטערט ווערן, גייענדיק און נישטערנדיק, און אויב נישט איר, וועט דער מיטגייער אייערער, דער מיטלייענער, מיד ווערן נאָכצופאָלגן ביזן סוף. איר קענט אייך אָבער נישט העלפן. איר לעבט איבער מער אייער אייגענע געפילן ביים געגרייטן טיש פון דער דיכטערינס פראַכט. לאה גאָלדבערג האָט דאָך נישט געשריבן וועגן זיך, פאַר זיך. זי האָט דאָך גע־שאַפן וועגן זיך פאַר אונז. זי שילדערט נישט סטאַנדאַרט־זכרונות, און אויך נישט איינמאָליקע געשעענישן. איר וועלט איז געווען אין דער גאַנצער ברייט און לענג פון אונזערע אַלטע היימען פון ניעמען ביז צום דונאַי און פון בוג ביז צו דער סעקוואַנע. ווייל ווער ווייסט דען נישט וועגן ווייטיק־טאָג פון דעם פאַרוואָגלטן אַרבעטער אָדער אַרבעטאָרין־אימיגראַנטין אויפן „פּלעצל" פון פּאַריז, אין די שמאָלע גאַסן פון אַנטווערפּן אָדער די פון בריסעלער „סען־זשיל" אָדער „אַנדערלעכט" שטאָט־קוואַר־טאַלן? דאָס איז געווען אונזער אַלטע היים. דער ייד אין פּאַריז איז נאָך טראָץ אַלעם אונזערער פאַרבליבן. דרייסיק שעה באַן־רייזע און ער איז אין דער היים געווען צוריק. די אַטמאָספער פון שטעטל איז שווער געלעגן אויך

ישעיהו אוסטרי־דן

אויף יענע גאסן פון דער יידישער אימיגראציע אין די מערב־אייראָפּעאישע הויפּט־שטעט. אויב די שניידער־מיידל איז געזעסן אין שטעטל און האָט געזונגען איר ליד פון בענקשאַפט נאָך דעם באַשערטן, איז נישט ווייניק יידישלעך און טרויעריק געווען דאָס ליד פון דער יידישער שניידערין אין פּאַריז, וועלכע האָט געזונגען דאָסזעלבע לידל און אויסגעגאָסן דעמזעלבן טרויער אין אירע ווייטיקדיקע שורות.

און ווער ווייס. אפשר איז דער טרויער פון יענע מיידלעך, פון יענע בחורים געווען פיל טיפער און אויפטרייסלנדער. זיי זענען אוועק צו דער וועלט, צו דער לעגענדע פון פּאַריז און מערב־אייראָפּע, און אַלץ איז דאָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרויסן יאוש און אילוזיע. דער יידישער גורל איז נישט געווען אנדערש אין קיין לאַנד נאָר די אילוזיע איז די מערב־לענדער איז אפשר געווען פיל גרעסער און טראַגישער.

מיר וויגן זיך מיטן פערז פון לאה גאָלדבערג, און מיר זעען אונזער וועלט פאַר די אויגן, די וועלט וואָס מיר האָבן געקענט, דאָס געסל וואָס מיר האָבן געזען אין אונזער קינדהייט, און די שניידערקע וואָס מיר האָבן געקענט פון די ערשטע טעג פון אונזער יוגנט.

„איך עירנו בכתה ושרה —
עובר־אורח, עמוד, הבט:
מה לאה, בטפסה ההרה,
הסמטה שזקנה בלא עת".

(„אזוי געוויינט און געזונגען האָט אונזער שטאָט —
שטעל זיך אָפּ, דורכרייזנדער, זע:
ווי מיד עס איז, קריכנדיק באַרג־אַרויף,
דאָס געסל פאַר דער צייט פאַרעלטערט").

דאַכט זיך, אז מיר זעען א טייערע געשטאַלט פון א באַבע'ן וועלכער מיר האָבן אזוי היים ליב געהאַט. טאַקע געשטאַנען א ביסל פונדערווייטנס,



„איך עירנו בכתה ושרה —
עובר־אורח עמוד הבט :
מה לאה בטפסה ההרה,
הסמטה שזקנה בלא עת”.

„האַריזאַנטן"

אָבער דאָס איז געווען א דיסטאַנץ פון כבוד, דרך־ארץ און אייניקל־ליבע וואָס שטייט פאַרוואונדערט דער גרייז־גרויער עלטער־קייט אנטקעגן.

„מקומטת, דלה, צונחת —
ובכל זאת, פניה יפים.
כעדת חיוכים פורחת,
סנוניות תחת גג־רעפים".
(„צעקנייטשט, מאָגער, שוואך —
און דאָך, אזוי שיין איז איר פנים.
ווי א שמייכלען־עדה וואָלט אויפגעבליט,
ווי שוואלבן אונטערן שינדל־דאך געווען").

איר ווערט דערשיטערט ביזן תוך פון אייער וועזן. ווען איר דערמאָנט אייך דעם פרילינג־גליק וואָס די שוואלב האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אין די יידישע גאסן און געסלעך. דריי־פיר פויגל אין שניידיקן פייל־פלי איז געווען דאָס גרויסע ווונדער פון נאטור און גאָט. היינט די גלאנציקע פאַרביקייט פון די העלדזעלעך, די געטאָקטקייט פון די שפּיציק־שניידיקע פליגעלעך. די גענויגקייט פון פלי, די שטרענגקייט פון שנאָבעלע, דאָס אַלץ איז געווען די גאנצע ליכטיקייט און ווונדערלעכקייט פון דער נאטור צוזאמענגענומען. איר זיצט מיט משונה׳דיקער פריידיקייט אין הארצן. אָט דאָס איז דאָך דאָס טיפסטע אין אונזער איבערלעבונג, דאָס ארויפברענגען גראד אין דער רעמיניסצענץ פון שמאָל, אלט, פאַרמאַטערט און מאָגער יידיש געסל דעם אינציקן און ליכטיקסטן זכרון פון פרילינג און קינדער־גליק. ווי טיף־דערשיטערנד איז לאה גאָלדבערגס דערגרייכונג פאַר אונזערע געפילן די וואָס זוכן גליקן פון נאָנטע אמאָלן! ווי גליקלעך דער איינפאַל, ווי שיין און ווונדערלעך דער פאַרבאנד: געסל־שוואלב! איר שפּירט מיט איינמאָל אז ס׳בלוט פולסירט שנעלער און ווארעמער אין אייערע אדערן.

און ווען איר דערהערט דעם קלאַנג פון „שינדל־דאך", דערוועקט זיך אין אייך אן אויפברויז פון א טיף־שניידיקן זכרון פון יידישע דעכער און

ישעיהו אוסטרי־דן

יידישע טעג אין נעכט אונטער דער נעבעכדיקער סוכה־שויץ פון א שינדל־דאך. וויפל געניאליטעט ליגט אין לאה גאָלדבערגס איינפאכקייט! אויף־וועקן דעם שינדל־דאך מיינט ארויסברענגען פאר אונזערע פארוווּנדערטע אויגן און זכרון גאריקע געמילן דעם גאנצן פארנעם פון אונזער פארגאנ־גענהייט, דעם גאנצן זין פון אונזער עבר. א שינדל־דאך! יעדער ווינט האָט זיך אָנגעזעמקט מיט יידישע הארץ קלאפעגישן ווען ער האָט אין דער האלבער נאכט געריסן די שינדלען, זיי געהויבן און געמאכט קרעכצן! פאר וועמען עס זענען געווען שדים, פאר וועמען עס זענען געווען טרויעריקע געפילן אין דער טיפער שלאָפלאָזער נאכט וועגן יידישן גורל, וואָס ווערט נעבעך געשיצט דורך א שינדל־דאך. עס איז די געוואלדיקע פשטות פון דער דיכטעריין וואָס טראָגט אונז אריין מיט אזא איינפאכן גאנג אין תוך פון אונזער „אמאל" וועלכער ליגט ביים שוועל פון אונזער היינט און ראך דאכט ער זיך אונז אויס צו זיין ווי לכל הפחות פון די צייטן פון עזרא ונחמיה. מיר זענען אזוי ווייט פון שינדל־דאך, אז עס איז נישט צו באגרייפן אונזער היינט אונטער זיין שויץ. אָבער דאָך, ווי טיף דערשיטערנד לעבן מיר איבער אָט די רעמיניסצענץ פון שינדל־דאך. אפשר דערפאר וואָס מיר געפינען זיך אין אן אילוזיע-אנטלויף אין די אָרעמס פון דער מאטע־ריעלער ווירקלעכקייט אויפן אמעריקאנעם קאָנטינענט. און ס'דאכט זיך אונז, אז מיר האָבן אנדערע דעכער אויפגעצויגן איבער אונזערע קעפ און די קעפ פון אונזערע קינדער, אפשר גראָד דערפאר שפירן מיר אָפ אזוי טיף דעם אָנדענק פון שינדל־דאך. עס קומט אויס פלוצים ווי עס וואָלט געווען א וואָרנונג! מיר האָבן דא אויך נישט מער ווי שינדל־דעכער! מיר זענען גאָר נישט אוועק אזוי ווייט פון אונזערע טאטע־מאמע היימען, פון אונזערע שינדל־היימען אויף יענער זייט ים! לאָמיר זיך נישט פארגעסן, זאָגט צו אונז פון צווישן די שורות לאה גאָלדבערג! עס איז געווען א שינדל־דאך היים, און מיר האָבן נאָך אין קיין לאנד פון אונזער גלות נישט געביטן די שינדלען אויף עפּעס מער זיכערעס. נישט מיר האָבן די מאטעריאלן דערצו, און נישט מיר קענען עס געפינען אויף פרעמדע גרונדעס. אפשר דערפאר שטייען מיר אזוי פארטראכט-דערשיטערט פארן זכרון פון שינדל־דאך.

און אזוי ווי דער שינדל־דאך, אזוי דער זכרון פון דער שניידעריין אין שטעטל. אונטער דעם שינדל־דאך איז זי טאקע געזעסן. זי האָט געניייט פאר יענעם אלע פריידן־קליידער, אלע חתונה אויסשטאטונגען, אלע

„האַריזאָנטן"*

יום־טובדיקע מלבושים, נאָר זי איז פאַרבליבן מיט איר אינעווייניקן טרויער וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ און ברעג.

„ווילון מגוהץ לתפארת,
וזמזוב מכונת־התפירה,
עוד ענוג חורונך, התופרת,
מן השיר של תיבת־הזמרה!

עוד כאז מסגרתך מרובעת,
עוד כאז אפורה שמלתך,
וכאז חלומך — הטבעת
וחתן־נעורים עד בלותך".

(„א פאַרהאַנג שיין געפּרעסט,
און גערויש פון דער ניי־מאַשין,
נאָך איידעלער איז דיין בלאַסקייט, שניידערין,
ווי דער פון קאַטערינקע־געזאַנג!

נאָך ווי דעמאָלט פירעקיק דיין ראַם,
נאָך ווי דעמאָלט גרוי דיין קלייד,
און ווי דעמאָלט נאָך דיין חלום — א רינג
און א חתן — א חלום ביזן גרויען צאָפּ!")

א שטיק לעבן האָט לאה גאָלדבערג אַרויסגעריסן פון יענער ווירקלעכקייט און עס אונדז צוגעטראָגן אין דער גאַנצער טרויעריקער ליבטיקייט, די שניידערין, איר צער און אומעט. די שניידערין מיט איר אייביקן חלום וועגן חתונה האָבן, א חלום וואָס בלייבט אויף אייביק און גייט

קיינמאָל נישט אַרויס פון דער גלוסטן־וועלט אין דער ווירקלעכקייט אַריין. ווער פון אונז געדענקט נישט, יעדער איינער אין זיין שטעטל, אין זיין שטאָט, אין זיין וווינאָרט, אָט די שניידערין וועלכע האָט שטענדיק גע־טראָגן אַזאַ קאַלטן שמייכל אַנטקעגן אייך ווען זי איז אַריינגעקומען אין הויז מיט דער מאַמעס קלייד, אָדער דער שוועסטערס אַ בלוזע. איר האָט איר אָנגעקוקט און עפּעס ווי אין האַרצן וואָלט אייך פאַרקלעמט. איר האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס. מיר זענען אַלע צו יונג געווען דאַן, ביי יענעם צוזאַמענטרעף. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם טיפן צער וועלכער האָט זיך אויסגעוועבט אין יעדן שטאָך פון דער נאָדל און אין יעדן שאָרך פון דער סחורה אויף דער ניי־מאַשין. היינט, ערשט היינט, ווען יענע ווירק־לעכקייט איז אַזוי שרעקלעך אַנטרונען געוואָרן, אין אַזעלכע יסורים און ווייען, ערשט היינט דערזעען מיר דאָס שטיק ווייטיק פון יענעם לעבן וואָס מיר האָבן פאַרלאָזט אין אַ געוויסער צייט, פאַרלאָזט און נישט געהאַט קיין צייט, און אפשר אויך נישט קיין קאָפּ, אָדער גאָר פאַרשטאַנד, עס צוזעען און פאַרשטיין.

יידישע טעכטער אין דער יידישער אָפּהענטיקייט פון יענע שטעט און שטעטלעך! וויפל מוט דאַרפן מיר היינט האָבן כדי אייך דערמאָנען און אויך אייך באַוויינען. אפשר איר אַליין נויטיקט זיך נישט אַזוי פיל אין אונזערע טרערן, ווי מיר אין אייער זכרון. מיר זענען אַ סך שולדיק געבליבן יענער אונטערגייענדער יידישער וועלט. איר זענט טאַקע איינע פון די טויזנטער אַנדערע יידישע דערשיינונגען, אָבער מיט אַן אייגענער מאָנינג וועלכע פּרעסט אין אונזערע ביינער. איר האָט קיין נעכטן געהאַט. קיין היינט פאַרמאָגט, און נאָר מיטן מאָרגן, מיט דער אילוזיע פון מאָרגן, געלעבט. איצט ליגט איר אין גרויסע, מוראדיק־גרויסע ברודער־שוועס־טער־טאַטע־מאַמע־פעטער־מומע־קברים און דאָס איינציקע, די אילוזיע, האָט מען אייך אויך אַזוי אכזריותדיק צוגענומען.

איך ווייס נישט פאַרוואָס איך ווייטיק היינט מער די אייביק דורש־טיקע און צניעותדיקע שניידערינס־ליפּן, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געגאַרט נאָך אַ ליבע־קוש און אים קיינמאָל נישט באַקומען. ווער עס גייט אַוועק פון דער וועלט און האָט ליבע נישט געקענט, איז צווייפאַך דערמאָר־דעט געוואָרן: דורכן גורל און דורכן מענטש.

* * *

„האָריזאָנטן"

די קלאַנגעז־זכרונות פון לאה גאָלדבערג זענען זיסע, טוליענדיקע, און איר פילט זיך אַזוי דערוואַרעמט נעבן זיי, ווי דאָס קעפּעלע פון אַ קליין קינד אין דער שויס פון זיין מוטער. עס איז פשוט און גלעטיק. עס ווערט אייך אַזוי זיס־סאַמעטיק אויף דער נשמה ווען איר לייענט ווייטער די גילדענע־לייכטע שורות, וועלכע דערציילן אייך וועגן די געליבטע פּאַרלער פון יידישע יינגל־מיידל נשמות, וועלכע האָבן זיך געזוכט און זיך באַר צויבערט אין די ענגע געסלעך פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט.

איך בין זיכער, אַז עס וועלן נאָך געשריבן ווערן די גרויסע בלעטער וועגן דער שטיל־נאַאיווער־שעמעוודיקער ליבע אין די קליינע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע פון פאַרן גרויסן אומגליק. די בלעטער זענען נאָך ביז היינט פאַרבליבן אַ גן־נעול. די סצענעס זענען ביז היינט פאַרבליבן ניט־געשילדערטע. לאה גאָלדבערג אַנטפּלעקט אָבער דאָ איינעם פון די שענסטע און אַזוי כאַראַקטעריסטישסטע עלעמענטן וועגן דער ליבע פון יידישע יינגע בחורים און מיידלעך. אין דאָס שטילע שטעטל איז איפּגעקומען אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט אין די הערצער פון די יוגנטלעכע און זיי האָבן זיך אַזוי משונהדיק־ציריקגעהאַלטן געזוכט. זיי האָבן זיך געזוכט עפּעס ווי נישט־דאַאיק און ווי זיך נישט צו טרעפן פּנים־אל־פּנים, אַווירקלעכקייט אַנטקעגן אַ ווירקלעכקייט. די יידישע בחורים און מיידלעך האָבן געזוכט משונהדיקע האַלב־ליכטער פאַר זייערע ליבע־בענקשאַפטן.

אָט שילדערט לאה גאָלדבערג ווי די מיידל גייט דורך פונדערווייטנס און דער בחור זיצט און זעט אין טיפן גליק די געשטאַלט פון זיין „מלאך" וואָס גייט פאַרביי אַ ביסל ווייטלעך פון אים. ער איז פאַרטרויערט, אָבער עס ווערט אים גלייכצייטיק אַזוי זיס־גוט אויפן האַרצן און ער חלומט און שפּילט זיך אַזוי נאַאיוו מיט די ראשי־תיבות פון איר נאָמען אויפן זאמד.

„והוא יושב, שקט וטוב\
אור דמדומים נשפך במעל.\
והוא רושם בהוד־הנעל\
ראשי־תיבות בחול רטוב."

ישעיהו אוסטרי־דן

(„און ער זיצט, רואיק און גוטמוטיק
פארנאכטן־ליכט שטראָמט פון דער הויך.
מיטן שפיץ פון שוך פארצייכנט ער
ראשי־תיבות אין נאסן זאמד").

מיר ציטערן אויף ביי דער שילדערונג. שטיקער „איך" רייסט ארויס לאה גאָלדבערג פון יעדנס נשמה. מיר דערמאָנען זיך אין די זיסטע מאָמענטן פון אונזער פארגאנגענהייט אין יענע שטעטלעך. מיר גערענקען שוין נישט, צי מיטן שוכן־שפיץ האָבן מיר דעם נאָמען געצייכנט אויפן זאמד, אָדער מיט אן אָפגעדארט צווייגל פון אן אָסיען־בוים, אָדער צי האָבן מיר נאָר בייגעווינט ווי אונזערער א חבר, וועלכער האָט אונז אָנפארטרויט אין טיפן נשמה־ציטער זיין טייערסטן סוד, האָט פלוצים דערזען דורכגיין זיין „סוד" פונדערווייטנס, און ער איז דערציטערט געוואָרן, און שיעור נישט געמיינט, אז עפּעס „גורלדיקעס" איז געשען אין דער מינוט, וואָס מיטן ארויסגעזאָגטן נאָמען איז זי אליין דערשינען פאר זיינע אויגן, און דאן נאָכטראכטנדיק טרויערדיק־זיס, געשריבן מיטן שוך־נאָז, אָדער א צווייגל אויפן נאסן זאמד דעם טייערן נאָמען אין זיינע ראשי־תיבות.

געווים איז די ליבע נישט געבליבן אין אונזערע שטעטלעך נאָר ביי די פארקינדערשטע פאָרמען פון טרוימערישעס. לאה גאָלדבערג דערציילט אויך וועגן פּאָרלעך, וועלכע זענען געשטאנען ביים טויער און גערעדט און גערעדט אזוי זיס און לאנג אין דער פאר־לבנה׳טער נאכט אריין. די אלע בילדער גיבן אונז איבער עכאָס פון זכרונות, וועלכע מיר האָבן אָן קיין צווייפל נישט איינמאָל ארומגעטראָגן אין הארצן, ספּעציעל אין די ערשטע יאָרן פון אונזערע וואנדערונגען און וואָגלעניש; איבער דער וועלט און איבער קאָנטינענטן. איז אונז גוט אזוי מיט די זכרונות און מיר זענען אזוי דאנקבאר דער דיכטערין וואָס זי האָט עס נאָכאמאָל ארויס־געצייבערט פון דעם שכחה־תהום אין וועלכן אלץ ארום אונז איז אזוי אימה׳דיק פארזונקען געוואָרן.

אָבער לאה גאָלדבערג גיט זיך אויך א קער צו דעמבענע געשטאלטן

„...והוא יושב, שקט וטוב
אור דמדומים נשפך ממעל.
והוא רושם בחוד־הנעל
ראשי־תיבות בחול רטוב".

פון דער יידישער פארגאנגענהייט. ביי דער זייט פון דער אומעטיק־אָפּהענ־טיקער ווירקלעכקייט פון די יידישע מיידלעך, אָרעם געקליידעט און נאָך אָרעמער צעשמייכלט, מיט זייערע דינע־קרענקלעכע פיסעלעך, דאַרינקע צעפּעלעך, מיט אויגן פארטונקלטע פון לאנג קרענקען, נישט אויסדאָב־זשייעטע פארקילונגען און אויסמאטערנדע הוסטן, וואקסט אויס די ריזיק־פעלזיקע געשטאלט פון דער פישערקע אין מארק. דאָס יידישע לעבן איז נישט געווען נאָר אומעטיק־פארזונקען אין אומצייליקע פארנאכטן וועלכע האָבן קיין רו נישט געבראַכט פון אָפּגעלאָפענעם טאָג און אויך נישט קיין שמייכל אנטקעגן אָנקומענדן מאָרגן. דאָס לעבן איז נישט געווען נאָר פארשטיקטער טרויער פון יידישע מיידעלעך אין א וועלט פון אָרעמקייט און אויסזיכטסלאָזיקייט. עס איז אויך נישט געווען נאָר די אויפגעריסע־נע אויגן פון יידישע קינדער, וועלכע האָבן געדארפט אויסטראָגן די גע־דריקטע געמיטער און אָנגעשטרענגט־איבערגעלאָדענע נערוון פון טאטע־מאמע. מיר זעען דאָ, אינם הארץ פון יידישן הארבסט, אויך א שטיק יידישע איינגעוואָרצלטקייט. מיר האָבן דאָ פאר זיך א שטיק יידישע מגושמ׳דיקייט, וועלכע איז אונז אזוי טייער געווען. א פעלזיקע און א פארטשיילעטע יידענע אין מארק, מיט גליאיק־רויטע באקן אנטקעגן דעם ווינטער־ווינט וואָס ברענט אין פרייטיקדיקן פרימאָרגן און פארגיסט דעם מארק מיט אן ערב־שבתדיקייט וואָס שמעקט ארום מיטן פאר־חלישדיקן פיש־ריח פון די עמערס און באליעס אויסגעמישט אין געווירצן־ריח פון ציבעלעס, קארטאָפל, מערן און ערגעץ־ווו, אויף אן אויסדערוויילטן טיש, די קעניגלעכע האלב־אָנגעפרוירענע און פון לאנגן וועג צעקלאפּטע־אויסגע־מוטשעטע מאראנצן. עס איז געווען א וועלט פון יידישער ארבעט, יידי־שער פראצע און מאזאָליע־הענט. און אזוי זענען משמשין בערבוביה יידי־שע טרויעריקע בלאסקייט און פארוואָרצלטע ארבעטסזאמקייט, האָריזאָנטנ־לאָזע בליקן און פארצאָרנט־צעשריענע אויגן, דינע מיידל־פיסעלעך, און פארשטיוולטע פיס פון די יידישע מארק־שטייערקעס.

אט זענען זיי די יידישע מיידעלעך:

„ילדות עצובות, ישראשן גלוח,

ישעיהו אוסטרי־דן

קדקדים מבהיקים עד כחול.
אצבעות נפחדות הרושמות על הלוח
אותיות נוטות לנפול."
(„טרויעריקע מיידעלעך מיט אפגעשאלטע קעפלעך,
קעפלעך וואס גלאנצן ביזן בלוי.
צעשראקענע פינגערלעך וואס אויפן טאפל
פאלנדע אותיות פארצייכענען".)

אדער דער צווייטער וואריאנט:

„אחר־כך הן יושבות ושרות ביחד.
בקולות אדישים־גלמודים —
לערב הבא, לחושך, לפחד
הן שרות איזה שיר ילדים"
(זיי זיצן דערנאך און זינגען צוזאמען
מיט גלייכגילטיק־איינזאמע שטימען —
צום אנקומענדן אוונט, אנטקעגן פינצטערקייט און פחד
עפעס א קינדער־ליד זיי זינגען")

און גליך פון דער צווייטער זייט אויפן „פישער־מארק":

„צחנה קולנית. ומשק סנפירים.
גהינום מפרפר בדליים.

„האריזאָנטן"

לא הושר מזמורך, לא הושר בשירים,
המושלת בדגי־המים!

מטפחת מנומרת, שמוטה על כתף.
שערך — סערה וחושך.
וידך הרחבה למודה ללטף
את הצרור של פרוטות הנחושת.

אדירה במגף כף־רגלך הגדולה,
דאגה את מצחך הנמיכה.
על שפתיך, כפרי עסיסי, הקללה:
„יכנס באבי אביך!"

(„א שרייאיקער ריח־רע. געוויש פון פלים־פעדערן.
א גיהנום טרייסלט־זיך אין די עמערס.
נישט געזינגען ט'מען, נישט באזינגען מיט לידער,
דיין געזאנג, דו הערשערן פון פיש:

דיין קאָלירטע טוך הענגט אויפן אקסל.
דיינע האָר — נאכט און שטורם.
און דיין ברייטע האנט וואָס געוויינט צו גלעטן
דאָס קניפל פון קופערנע גראָשן.

אזוי מעכטיק אין שטיוול דיין גרויסער פוס,
זאָרג האָט דיין שטערן פארזונקען.

ישעיהו אוסטרי־דן

אויף דיינע ליפּן, ווי א זאפטיקע פּרוכט, די קללה:

„א ריח אין דיין טאטנס־טאטן!")

מיט איין מאָל דאכט זיך אונז, אז מיר זענען נישט געווען אזוי אומגליקלעך אין יענע טעג פון דער גאָר נאָנטער, דערמאָרדעטער, פארגאנגענהייט. עס זענען געווען אויך אנדערע יידן, אויך אנדערע יידישע פרויען, וועלכע האָבן מיט פויסטן באצווינגט די יידישע אָפּהענטיקייט. מען איז געגאנגען געשטיוולט דורך אלע אומגליקן פון יידישן היינט. נישט געקוקט ט'מען אויף דער בלאָטע וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט אזוי עקשנותדיק נאָכן יידישן פוס־טראָט. מען איז געגאנגען, פאָראויסגעגאנגען. נישט פראָטט האָט אָפּגעשראָקן און נישט רעגן האָט פארשפּארט די יידישע פישער אין דער היים. יידן זענען ארויס צו דער ארבעט, ווייל זיי האָבן געוויסט אז ווי פירן אין די שטינקענדע עמערס גאנצע הויפנס שבת'דיקייט, טיפע פרייד פאר יידישע טישן נאָך די הינטישע טעג און שלאָפלאָזע נעכט פון א וואָך לויפעניש און נעגלדיקן דראַפּן־זיך אויף דער גליטשיקער וואנט פון יידישער פּרנסה.

„אך יומך לא רוחם, ומוצק, וענו.
ומה טוב שאינך יודעת,
כי יפה כפתך באחזה בזנב
את הדג הנפתל ברעד".

(„טאקע נישט דערבארעמט דיין טאָג, און דאָך אזוי פעלזיק און ענווות'דיק.

און ס'איז אזוי גוט וואָס דו ווייסט גאָר נישט
ווי שיין איז דיין האנט ווען זי האלט ביים עק
דעם פיש וואָס זיך ראנגלט אין אנגסטן").

„...לא הושר מזמורך, לא הושר בשירים,
המושלת בדגי־המים!"

— — — — — — — — — — — — — — — —

ומה טוב שאינך יודעת
כי יפה כפתך באחזה בזנב
את הדג הנפתל ברעד".

„ה אַ ר י ז אָ נ ט !"

ווער פון אונז האָט אמאָל א קוק געטאָן מיט דעם אויסערגעוויינלעכן קוק פון לאה גאלדבערג אויף דער מגושמדיקער האנט פון דער פישערקע? קיינער נישט, קיינער נישט פון אונז! און ס׳ווערט אזוי טרויעריק אויפן הארצן, וואָס מיר האָבן אויך דאָס נישט געזען. ווען מיר וואָלטן דאָן עס געזען, וואָלטן מיר אפשר רואיקער געווען אין אונזערע פארטונקלטע פאר־נאכטן פון אָפהענטיקן חשבון הנפש.

איצט ערשט, ערשט היינט, נעמען מיר צענייף די פערלדיקע געשטאלטן פון יידישער שלמותדיקייט און מיר הערן זיך צו פונדערווייטנס, צעווייטיקטע און אומגעטרייסטע, צו יענע קלאנגען פון די גאָר נאָנטע נעכטנס וועלכע זענען אנטרונען אין דער שווארצעסטער און שטורעמדיקסטער נאכט וועלכע האָט זיך ווען עס איז אראָפּגעלאָזט אויף ישראל־סבא. מיר ווילן טוליען צום הארצן די געשטאלטן אָבער זיי ווערן אנטרונען פון אונזערע אָרעמס ווי קאָ־שמארן. היינט, ווען עס וואָלט געשען, און מיר וואָלטן זוכה־געווען צו זען די יידישע פישערקע אויפן מארק, וואָלטן מיר זיך צוגעבויגן צו איר פאר־פרוירענער און פארשליאמערטער האנט און זי א קוש געגעבן מיטן דער־בארעמדיקסטן ליפּן־ציטער. אָבער די וויזיעס זענען אזוי בלאס. מיר זענען אזוי שוואך אנטקעגן יענע גרויסע יידישע נעכטנס. הערן מיר צו. מיר שלאָפן נישט זייער אָפט אין די לאנגע נעכט. מיר הערן צו. מיר כאַפּן אונ־טער די האלבע טענער אין יענע קליינע קלאנגען פון די גרויסע נעכטנס וועלכע זענען געווען, און זענען שוין מער נישטאָ, שרעקלעך, מוראדיק מער נישטאָ.

אין שוים פון שטעטלדיקן הארבסט

קען זיין, אז דער לעצטער ליד פון דער סעריע „לאחת הערים” („צו איינער פון די שטעט”), איז בכיוון געשטעלט געוואָרן אויף זיין פלאַץ. דאָס ליד „ההוף” („דער ברעג”) איז ווי א סך־הכל וואָס פאַרטרויערט דאָס ביסל פריידיקע וואָס די „קליינע קלאַנגען פון די גרויסע נעכטנס” האָבן אין זיך אנטהאַלטן. אָבער אין מיין געפיל זע איך דאָס ליד ווי איינס פון דעם שפּעטערדיקן טייל לידער וואָס טראָגן דעם נאָמען: „מסע בסתו” („א רייזע אין הארבסט”).

די לידער זענען א ווייזיע־אויפשיין פון טרויעריקע מינוטן, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם צעזונגענעם ארויסרייס צו דער וועלט. היינט רעדמאַנט זיך די דיכטערין אין די מינוטן איינגעהילט אין א הילע פון רואיקן טרויער. אין יענער, נייער אויסגעביינקטער היים, איז נאָך שטענדיק געוועזן די טרייסט, אז מען וועט נאָך קענען זיך ווען עס איז „צוּבאַפן” אהינצו און געפניען אלץ אזוי ווי מען האָט עס איבערגעלאָזט. דאָס וואסער שטראָמט נאָך ווייטער אונטערן בריק; די הייזער קרוינען נאָך אין זייער דורותדיקער מידקייט ארום דעם אלטן מארק; די יידן גייען נאָך אלץ אין זייערע אויסגעטראָטענע סטעזשקעס ווי זייערע טאטעס און זיידעס; נאָך גייען ארום די מיידלעך און די יינגע בחורים אויפן שטאָטישן טראָטואר פרייטיקצונאכטס, גלייך נאָכן פארמאכן די געשעפטן, אויסגעצוואָגענע, פאר׳שבת׳טע אין זייערע נייע בלוזקעס און אויסגעפּרעסטע האלבע קליידלעך פון ביליקן שטאָף, און ציטערן אויף ביי יעדן אויגן־אָנטרעף, און ווערן פארשכורט ביים געזאנג פון די סאמעטענע מיידל־קולות וואָס הילכן מיט אזא זאפטיקן געלעכטער איבער דער גאנצער ברייט פון גאס.

איצט האָט זיך אויסגעלייגט ארום דער דיכטערין א גרויסע שטילקייט,

ישעיהו אוסטרי־דן

און, עס קלינגען אין די אויערן די לעצטע עכאָס פון יענע מינוטן ווען זי איז געזעסן אין באַן און געזען ווי דער יידישער היינט בלייבט איבער אונ־טער איר, און זי טראָגט שוין אין איר נשמה דעם אָנזאָג פון א יידישן מאָרגן. דאן איז זי געשטאַנען מיט אן אויסגעמיש פון פרייד און זיסע וואָרג נאָך טאַטע־מאַמע, און פריינט, און שטעטל וואָס בלייבן אונטער איר, אָבער אין דער נשמה האָט געזונגען א נייע וועלט, מיט וווּנדערבאַרע צו־זאָגן און נאָך וווּנדערבאַרערע דערוואַרטונגען. היינט ברענגט ארויף די דיכטערין יענע מינוטן אין טיפן טרויער און זי באַמיט זיך עס קלאָר מאַכן פאַר זיך, זי באַמיט זיך ארויסקריסטאַליזירן יענע מינוטן און זי וויל אז אַזוי, אין די שייד־רגעס זאָל פאַראייביקט ווערן דאָס שטעטל אין איר ווי־ויע, און פאַר דאָס געדעכעניש פון די קומענדע דורות.

זינגט אזוי די דיכטערין צום שטעטל:

„עירי ,עירי, פניך עתיקים.
בנזר השקיעה אָשוב־אראה
דמותך הנכזבה ממרחקים.

— — — — — — — —

הסמטאות גולשות־רצות לחוף,
כנערות קטנות רדופות מגור.

לפתע מן הגשר האָפל
יבקיע־יעל בכי ערירי.
הרחק מאוד מאחורי הליל
קולך אשר נדם, עירי, עירי".

(„שטאָט מיין שטאָט, דיין פּנים איז אמאָליק.
אין שקיעה־קרוין ווידעראמאָל איך זע

„האָריזאָנטן"

דיין אויסגעטרוימט־פאַרפאַלענע געשטאַלט פון יענע ווייטן.

— — — — — — — — — — —

דיינע געסלעך זענען געלאָפן צום ברעג באַרג־אַראָפּ
ווי קליינע מיידעלעך געיאָגטע פון מורא.

אָבער פּלוצים פון פינצטערן בריק
ברעכט־אויס שטייגט־אויף אַן איינזאַמער געוויין.
זייער ווייט, ווייט אונטער דער נאַכט,
דיין שטים וואָס אַנטשווינגן, שטאָט מיין שטאָט").

אין א פּחד־ראָם איז איינגעפּאַסט דאָס דערדריקנדע געפיל פון יענע זכרונות פון שטעטל. דאָס בילד ווערט פאַרזונקען אין דער נעפּלדיקייט פון די שווידערלעכע נייעס וועלכע זענען אָנגעקומען צו אונז טאָג־איין טאָג־אויס לאַנגע טעג, און וואָכן, און מאָנאַטן, און יאָרן. אָט וויל די דיכטערין אויסקריסטאַליזירן א ליכטיקן שיין — און עס באַקומט זיך גאָר א פאַרקערטער רעזולטאַט. די ווירקלעכקייט שטייט אונטער דער פּלייצע און לאָזט נישט דער פעדער זינדיקן מיט ליכט און שטראַל. עס קומט צו שוועבן א קול פון דערווייטנס, אָבער דאָס איז א קול פון א געוויין, א יתומדיקן געוויין פון שטעטל וואָס איר שטים איז פאַרשטומט געוואָרן, אויף אייביק פאַרשטומט געוואָרן. דער ווייטיק ציטערט אויפן שפּיץ־פעדער פון דער דיכטערין. דאַכט זיך, אז דאָס שטעטל איז אזא געוואַלדיקע ווירקלעכקייט אז זי איז נאָך אַלץ דאָ אין אונזער באַוווסטזיין און אין אונזער יעדן טראָט וואָס מיר שטעלן אין לעבן, אָבער מיר שטייען אויך מיט פאַרבונדענע אָרעמס אַנטקעגן איר. זי איז פאַרשלאָסן. זי איז פאַרחתמעט מיטן אומברחמנותדיקן באַפעל פון צאַרניקן גורל. איז אַלץ וואָס די דיכטערין קריגט אַרויס, איז נאָר אַן איינזאַמער געוויין. דאָס וויינט זי, נישט דאָס שטעטל. דאָס וויינען מיר, נישט אונזערע אומגעקומענע. מיר וויינען פאַר אָפּהענטיקע טעג, פאַר אָפּהעטיקע געדאַנקען, פאַר אָפּהענטיקע פּראָטעסטן, און מיר וויינען אויך פאַר חרפּהדיקער באַרואיקונג, פאַר קלעמענדער חרטה,

ישעיהו אוסטרי־דן

פאר פארוויאנעטע האפענונגען, און מיר וויינען אויך פאר זינדיקע רייד אמאָל, אין יענע טעג, פאר צער וואָס מיר האָבן פארשאפט טאטע־מאמע, פאר קינדיש-נאאיווע רעוואָלטן וואָס אזוי צעווייטיקט האָבן די אָוונטן פון טאטע־מאמע, מיר וויינען און מיר שעמען זיך און מיר האָבן קיין האָפענונג אז דאָס שטעטל זאל אויפנעמען אן אנדער מאָס „אָפּשאצונג" אין איר אייביקן גאנג צום אין־סוף פון די דורות.

טרויעריק דער אריינפיר, טרויעריק דער אָנזאָג. מיר גייען נעמען נאָך א בינטל פארוויאנעטע בלומען־זכרונות פון שטעטל, איידער מיר וועלן צוזאמען מיט לאה גאָלדבערג אין שטילן און שניידנדן טרויער זיך אָפּזעגנען פון יעדער „אויסגעטרוימט־פארפאלענער געשטאלט" פון יענע פאר־לוירן שטעטל אויף די לאנגע אומעטיקע סטעפעס פון מזרח־אייראָפּע.

מיר זענען קינדער פון א דור וואָס איז ארויס אויף די שליאכן פון דער וועלט. מיר זענען געקומען אין א צייט, ווען דאָס שטעטל איז געוואָרן ענג און אָטעמלאָז פאר דאָס יידישע יונגע און האָפנונגס־פולע לעבן. מיר זענען קינדער פון א דור וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן שטעטל מיט אירע היינט'ן און טעמפע צוזאָגן אויף מאָרגנס. זענען מיר ארויס אויף די וועגן. ווער עס איז ארויס צו דער וועלט. ווער עס איז אוועק אוים דורשט נאָך לעבן. ווער עס איז אוועק ווייל דאָס שטעטל האָט געשטיקט און ווער עס איז אוועק ווייל דער אידעאל פון שיבת ציון האָט גערופן.

אלע זענען געפאָרן. אלע זענען אוועק.

מיר געדענקען דעריבער די „באגלייטונג" צום באן. מיר זענען אוועק, און טאטע־מאמע, ברידער און שוועסטער, מומע און פעטער, הברים און חברות זענען מיטגעגאנגען אָדער מיטגעפאָרן) צום באן.

א סך זאכן דערמאָנען זיך אונז פון די פארגאנגענע טעג און נעכט. דאָס שטעטל איז א געוואלדיקער אוצר פיל מיט כל הגוטס זכרונות. אָבער עס איז זיכער ביי קיינעם פון אונז נישטאָ קיין טיפערער שנים אין דער נשמה, ווי דער וואָס האָט איבערגעלאָזן אין אונז יענע קורצע שעה פון דער באגלייטונג צום צוג און די מינוטן פון שווערן, האמעטנעם ווארטן אויפן פייף פון לאָקאָמאָטיוו, שוין נאָכן אָפּזעגענען זיך, שוין נאָכן איבעררייסן די בריק צווישן היינט און מאָרגן.

„האריזאָנטן"

דאָ ליגט די קווינטעסענץ פון אַלע אונזערע צוגעבונדקייטן צום שטעטל. אָט די מינוט, וועלכע האָט געדאַרפט זיין די מינוט פון דעפיניטיוון ריס, פון דעפיניטיווער צעשיידונג צווישן אונז און שטעטל, די מינוט איז גראָד געוואָרן דער שטאַרקסטער פאַרבאַנד, דער הייליקסטער קשר וואָס האַלט אונטער זיעם אָטעם פון יענער פאַרגאַנגענהייט אין אונזער היינט.

פאַרשידענע בילדער זענען געבליבן אין אונזערע זכרונות וועגן די צעשיידונגען וואָס מיר האָבן אַלע מיטגעמאַכט. מיין לעצטע צעשיידונג, דערמאָן איך זיך תמיד אַזוי קלאָר, איז געווען אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט. הימלען זענען געווען רואיקע, וואָלקנס, ערגעץ־ווו צוויי־דריי ווייסע וואַטע־פּעקלעך אויפן הויכן פירמאַמענט. טאַטע־מאַמע אין טרויער און שניידיקער בלאַסקייט. די שוועסטער פאַרוויינט. די יינגע שוועסטער מיט טרערן אין אַ בליענדן שמייכל אויף די רויטע־גאָר־רויטע ליפּן. נישט געגלעט האָט די רואיקייט פון זומער־אָוונט אויף דער מאַזאָווישער ערד, און נישט געקילט האָט דער טייערער פאַרנאַכטן־ווינט וואָס איז דורך איבער די פעלדער. ניין! כ'האָב קיינע פאַרגעפילן נעהאַט. נאָר איצט דאַכט זיך מיר, אַז עס איז געוואָרן אַזוי דונקל ארום אונ, אַזוי אומעטיק־בייסיק אויף דער נשמה. דערנאָך זענען די אומאַרמונגען און די קושן געקומען אַזוי פּלוצים, איינס, נאָכאַנאַנד, אַז ס'איז נישט געבליבן קיין צייט־אָפּשניט צו פאַרפיקסירן די צאַרטע געפילן פון יעדן באַריר און אַלץ האָט זיך אויסגעמישט און איז געוואָרן אַ טיפע וווּנד פון טרערן און צערטלעכקייט וואָס קיינער האָט נישט געוווסט ווו זי האָט אָנגעפאַנגען און קיינער האָט איר נישט געקענט פאַרווישן, נישט איך אין באַן, און נישט זיי דערנאָך אין שטוב. אַ געוואַלדיקער טרויער איז געלעגן אויף די פעלדער פון מאַזאָוויע. אַ געוואַלדיקע שרעק איז געלעגן אויף די לעצטע דעכער פון מיין געבוירן־שטאָט. די שפּיז פון דער תיפלה האָט מיך די לעצטע געזעגנט און זי האָט מיר דייטלעך אָנגעזאָגט, אַז נאָך אַלץ און אָן אויפהער שטעכט זי די שטעטלשע הימלען און וועט נישט שווייגן! און נישט רוען ביז זי וועט זיך צו זיי דערשטעכן.

אַזוי האָב איך זיך געזעגנט. אַנדערע האָבן געוויס אין אַנדערע באַדינגונגען אין אַנדערע שטעטלעך, אין אַנדערע אָוונטן, מיטן זעלבן תיפלה־שפּיזן זיך געזעגנט. אַנדערש האָט זיך אויך אונזער דיכטערין געזעגנט

ישעיהו אוסטרי־דן

פון איר היים און פון טאטע־מאמע. און אזוי דערציילט אונז לאה גאָלד־בערג:

„פנסים מרעידים בזרזיף הסתוי,
חריקת־גלגלים. מרחקה.
המולת־חפזון. רק אמי ואבי
יעמדו מנגדי בשתיקה"

(„די לאמטערן ציטערן אין הארבסטיקן רעגן,
נעקרעכץ פון רעדער. א שטופעניש.
אלץ רוישט און יאָגט זיך. נאָר מיין מאמע און טאטע
שטייען שטיל אנטקעגן און שווייגן")

איר שטייט אין די הייליקע דלד אמות פון דער דיכטערינס טאטע־מאמע און איר הארבסטיקן געזעגענונגס־רעגן, אָבער איר שפּירט, אז איר זענט איר אזוי נאָנט, אזוי אייגן מיט דער שיידונג. כאיז דאָך אויך אייער שיידונג געווען. אויך ביי מיר און דיר איז געווען אזוי הארבסטיק אויף דער וועלט, און אין די הימלען, און אויף דער נשמה. אויך ביי מיר און ביי דיר זענען טאטע־מאמע געשטאנען אזוי צעבראָכן־אנטשוויגן, אזוי וואָרטלאָז, אזוי שרעקלעך אומעטיק אָן קיין ווערטער וועלכע זאָלן קענען געבן אויסדרוק זייערע שרעקלעכע ליידן אין יענער נעוואלדיקער שעה פון צעשיידונג.

לייענען מיר ווייטער מיט א ציטעריק הארץ:

„בחלון־הרכבת אורות־רפאים
חורונם האלם, העגום.
משקלם הכבד של אותם רגעים

„... חריקת גלגלים. מרחקה.
המולת חפזון רק אמי ואבי
יעמדו מנגדי בשתיקה".

„ה א ר י ז א נ ט ן"

שנותרו לאחר הסיום.

ולפתע־פתאום אתלש ממקומי,
ביניהם וביני חשכה,
אעצום את עיני ואזכור פני אמי:
עכשו היא בוכה".

(„אין פענצטער פון באן טויטע ליכטער
אין שטומער, טרויעריקער בלאסקייט.
דאָס שווערע געוויכט פון יענע מינוטן
וואָס פארבליבן שוין נאָכן סיום.

און פלוצים כ'ווער אויסגעריסן פון מיין אָרט,
צווישן זיי און מיר א פינצטערקייט,
כ'פארמאך די אויגן און כ'געדענק דער מאמעס פנים:
איצט וויינט זי.")

דער יאוש איז געלעגן אזוי שרעקלעך אומבאהאָלפן אויסגעגאָסן אויף די פנימער פון אונזערע מאַמעס. וואָס האָבן זיי נעבעך געקענט זאָגן, זיי, די אומגליקלעכסטע מאמעס אויף גאָטס ערד. ביי אלע פעלקער האָבן די מאמעס דאָס גליק צו האָבן ביי זיך די קינדער און צערטלען דערנאָך זייערע אייניקלעך. ביי אונז האָבן די מאַמעס נישט געהאט קיין צייט צו דערצערטלען אונז אליין ביז צום סוף, ווייל ווען מיר האָבן נאָך געהאט דעם יוגנט־טוי אויף אונזערע קעפ זענען מיר שוין אוועק אויף די וועגן פון דער טרויעריקער וועלט. האָבן מאמעס געשוויגן אין שרעקלעכן טרויער. האָבן מאַמעס פארביסן די ליפן אין אויסדרוקסלאָזן יאוש. נאָר דאַן, ווען פלוצים, כמעט אומגעריכט, האָט די באַן א ריר געטאָן, האָבן זיי דער־

פילט, אונזערע מאמעס, אז די פינצטערקייט איז אריין אינמיטן, און ווער ווייס אויב נישט אויף אייביק, — און דאן, ערשט דאן איז געקומען דער דערלייזנדער געוויין־אויסברוך. דאס ערגסטע איז שוין געשען. דאס סינד איז אוועק. נישטא מער קיין דערוואַרטונג. דאס טייערסטע פון איר לעבן איז איר אנטרונען געוואָרן פאר די אויגן. נישטא נאָך וואס צו האָפן. נישטא נאָכוואָס צו גלויבן. קומט דער געוויין, דער דערלייזנדער אָפּפלוס פון אָנגעזאמלטן ווייטיק, צער, פיין און אומעט דורך דער ביטערער און געזאַלצענער טרער.

מאמעס האָבן געוויינט, ביטער געוויינט, ביי דער צעשיידונג. סאיז געווען א שרעקלעכע מינוט אין אונזער לעבן. און מיר האָבן קיינער נישט געוווסט אז דאס איז גאָר געווען די שרעקלעכסטע מינוט פון אונזער לעבן. מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט אויף נצח־נצחים מיט טאטע־מאמע.

מען איז אוועקגעפאָרן. די שטימונג האָט זיך אנגענעם איינגעמזינקען אין דורכשוועבנדע פּייזאזשן און ווי זיך אויסגעטאָן פון גאנצן געווירבל דערדריקנדע געפילן. ס'איז שוין טאקע געווען איבערן מעסטל. ס'האָט שוין געמאטערט די נערוון. ס'האָט זיך שוין צ־גנעץ־ווו אין אייער באַוווסטזיין איבערגעריסן ס'געדולד. איר זענט טאקע אין כעס אויף זיך אליין פארוואס ס'איז אזוי, אָבער די טיפע ענדערונג האָט אייך שוין מיטגעריסן. מיט א מינוט פריער, מיט א קורצער שעה זענט איר נאָך געווען אין א וועלט וואָס איז אייך געווען אזוי טייער און האָט אייך צוגעשמידט צו זיך מיט טויזנט און איין אייזערנע רייפן — אָבער איצט זענט איר אריין אין דער גרויסער ענדערונג, איר זענט ארויף אויפן גרויסן וועג פון דער וועלט.

די באַן פאָרט און איר ווערט פארשלונגען אין פּייזאזשן. נישט נאָר די דיכטערין איז מסוגל צו אזא פלוצימדיקער אומוואנדלונג פון געפילן און צושטאנדן. יעדער מענטש איז אזוי. יעדער איינער פילט גענוי אזוי. די שיינקייט פון דער נאטור, די רייכקייט פון דער ענדערונג אין אקט פון פארטונקען זיך אין א נייעם פּייזאזש, — פאַרוואַנדלט אייך אין אן אָפּגעפרישט וועזן. יעדער איינער מאכט עס מיט, טראַצדעם וואָס נאָר די באגאבטע קענען עס אין דער אָדער אַנדערער ראַפינירטער פאָרם איבערגעבן.

אָבער לאה גאָלדבערג, טראָץ די נייע האָריזאָנטן וואָס האָבן זיך פלוצים אנטדעקט פאר איר, בלייבט נאָך אלץ שטעקן ערגעץ־ווו אין יידי־

„...עבים סחופים, שלא הביאו גשם,
עמדו מול בית־הכנסת הישן".

שע פּייזאזשן. זי איז אוועקגעפֿאָרן אָבער די וויזיע פון שטעטל איז נאָך אַלץ סימבאָליזירט אין איר קוק אויף אַלץ ארום.

„עבים סחופות שלא הביאו גשם,

עמדו מול בית־הכנסת הישן".

(„פארשלעפּטע וואָלקנס, וואָס קיין רעגן געבראכט האָבן,

זענען דער אַלטער שול געשטאנען אנטקעגן")

דאכט זיך אוועקגעפאָרן, ארויסגעריסן זיך פון אַלץ ארום, אָפּגעאָטעמט פרייער פון דאָס גאנצע דערדריקנדע ארום — און דאָך שטייט די אַלטע שול, דער סימבאָל פון יידישער דורות'דיקייט אין פענצטער פון גאנג צו דער וועלט. לאה גאָלדבערג האָט מיטגענומען דעם טייערסטן באגאזש אין וועג אריין, דעם באגאזש פון נצח ישראל.

אָבער נישט נאָר דאָס אליין. זי האָט צייט געהאט נאָך מיטצונעמען מיט זיך דעם לעצטן בליק אויפן קצב'ס שיק־יינגל און פארפיקסירט אין איר זכרון אזא קלייניקייט ווי זיין פארטוך מיט בלוט־פלעקן. דאָס לעבן פולסירט. דאָס שטעטל איז דאָ אין איר פולער פערמאנענץ מיטן גאנצ„יש". און באלד נאָכדעם זעט זי נאָך

„נשים מסורבלות, גושים של נחת.

סלים ומקלעות בתחנה,

וסב כפוף, וסבתא מתאנחת,

ודומיה כבדה בקפּאונה".

(„אָנגעפּעלצטע ווייבער, שטיקער נחת.

קוישן און קאָשיקלעך אויף דער סטאציע,

אן איינגעהויקערטער זיידע, און א קרעכצנדע באָבע,

און א שווערע פארפרוירענע שטילקייט")

ישעיהו אוסטרי־דן

דער אוועקפאָר איז גאָרנישט אזא פּלוצימדיקער ווי געווינט. דאָס שטעטל, מיט אירע יידן און יידענעס, זיידעס און באָבעס איז נישט געווען ס'איינציקע אויף דער וועלט. ברייט צעשפּרייט איז דאָס יידישע לעבן. הונדערטער און טויזנטער שטעטלעך זענען צעלייגט אויפן גאנצן וועג וואָס פירט אין דער וועלט אריין. עס חזרט זיך איבער דאָס בילד. די פּאַטענצן פון יידישן „יש" זענען דאָ אומעטום. ס'יאָגט זיך וואָס אן אמת די באַן. ס'שטראַלט פּאַרפירעריש ערגעץ־ווו די זון. ס'וואַרפט צו אַ בלומענבליק א פרעמדע געשטאַלט, — אָבער דער יידישער „יש" איז אזוי געוואַלדיק דאָ, אז דער וואַנדערנדער בליק פון דער דורשטיקער דיכטערין צו יענע, זייטיקע און קליינלעבע געשטאַלטן און בילדער, איז נאָר א נעבעבדיקער פּרוּוו ארומצואָרעמען די נייע ווירקלעכקייט וועגן וועלכער מ'האָט אזוי לאַנג געטרוימט.

געוויס איז די דיכטערין אונטערן כישוף פון די פונאַנדערוויקלנדע זיך פּייזאַזשן. געוויס איז דאָ א געוואַלדיקער געזאַנג אין גרויסן וועג וואָס ציט זיך שוין דריי טעג:

„שלשה ימים בדרך, איזו דרך!
על פני חורשות וריח של כבול..."

(„שוין דריי טעג אונטערוועגס, ס'אַ וועג!
איבער יינגע וועלדער און טאָרפיקן ריח...")

געוויס לאָקט אויך דער קורצער שפּאַציר אויף דער אָדער אנדערער פרעמדער ערד פון א באַן־סטאַציע:

„פתאום לצאת, ברגל מגששת
לחוש מגע של אבן ושל חול.
לנשום, לנשום בצפיה נרגשת
את האויר הקר והכחול".

(„פּלוצים ארויסגיין מיט א זוכנדן פוס

„האָריזאָנטן״

שפּירן דעם באַריר פון שטיין און פון זאַמד.

אָטעמען, אָטעמען מיט עמאָציע־דערוואַרטונג

די קאַלטע און בלויע לופט״).

און לאה גאָלדבערג איז נאָך פיל עקספּרעסיווער, אביסל וויטער, און זאָגט אָן קלאָר זיך און דעם לעזער, אז זי איז אוועק, אז זי האָט זיך אַרויסגעריסן און אוועק אין די לאָקנדע אָרעמס פון דאָס נייע אַרום, וואָס רערווייל אַנטפּלעקט עס זיך ווי א פּרעכטיקער געווירבל פון פייזאַזשן און צעשפּילטע געפילן פון א דורשטיקער נשמה, וואָס קומען זיי אַנטקעגן, אָבער ווי זענען ניי, אַנדערש, פרעמד־זיס, אומדערוואַרט און זי צעזינגט זיך א באַגליקטע און באַפליגלטע פון געפילן־שכרות:

„ולהפרד בלי חרטה וצער,

ולאהוב ברגע אחרון,

ושוב לטום אל דמדומי היער

האָץ אל חלונו של הקרון״.

(„און זיך זעגענען אָן חרטה און צער,

און ליבן אין לעצטער מינוט,

און ווידער אוועקשוועבן צו פאַרנאַכטיקע וועלדער

וואָס יאָגן זיך צום פענסטער פון באַן״).

איז דאָס פאַרשטענדלעך, מענטשלעך פאַרשטענדלעך. מיר האָבן נישט אויסגענומען מלכתחילה מיט אונזערע דיכטער, אז זיי זאָלן פאַרבלייבן און זיך פאַראייביקן אין זייער געוויין און טרויער. מיר זענען אַריין אין א וועלט פון זכרונות, און אין זיי זענען מיטמשין בערבוביה צער און פרייד. מיר קוקן נישט אויפן נעכטן נאָר דורך די מוראַדיקע ברילן פון שרעק־לעכן היינט. מיר פאַראייביקן דעם נעכטן, אזוי ווי מיר, אזוי ווי דו, איך, און ער, האָבן אים געקענט. דער נעכטן איז געקרוינט געוואָרן פאַר א סך

פון אונז מיטן ארויסרייס, מיטן אוועקגיין פון שטעטל אין דער גרויסער וועלט אריין. זענען מיר טאקע אזוי, אין דער פארם, אוועק. זענען מיר טאקע אזוי, מיט די געפילן, געפארן. האבן מיר טאקע אזוי, אדער אין אן אנדער אופן, זיך אפגעגארט ביים שוועל פון דער גרויסער אנדערשקייט וואס ואל האבן בלומרשט געווארט אויף אונז אויף יענער זייט שטעטל.

דערמאנען מיר זיך אין יענע טעג און יענע געפילן (ווייל מיר אלע האבן אט די געפילן מיטגעמאכט!) און בלייבן פארטרויערט אין שטילער איינזאמקייט, האבנדיק היינט אין אונזערע הענט אט די „אנדערשקייט" וואס האט אונז אזוי געלאקט די גאנצע יארן און אזוי ווייניק באריכערט ביים שוועל פון רייף־געוואקסענעם לעבן. ווייל דאס שטעטל איז נאך דא אין אונזער בלוט, אין אונזער מארך און ביינער. די יידישע וועלט וואס איז אנטרונען געווארן לעבט און אטעמט אין און ארום אונז. מיר געדענקען איר אין אלע אירע פארבן, אין די העלע און טונקעלע, אין די ליכטיקע און פינצטערע. איבער אלע גלותן זענען מיר געגאנגען און נאך אלץ גייען אונז נאך די באבע־זיידעס און נאך אלץ קוקן צו אונז אראפ די „פארשלעפטע וואלקנס" וואס שטייען נאך אלץ אנטקעגן דער אלטער שול, אלטער און צעוויטיקטער יידישער ווירקלעכקייט, און האבן קיין ביסל רעגן נישט געבראכט.

* * *

עס איז נישט לייכט אריינצוטונקען זיך אין די שטראליקע פרטים פון לאה גאלדבערגס געזאנג און אים מיטלעבן און מיטפילן ביזן באקומען דעם פולן געגום. מיר זענען א ביסל פראזאאיש און כ'וואלט געזאגט אפילו גראבהויטיק. קיינער פון אונז האט נישט געהאט אין באגאזש פון זיינע עמאציאנעלע זכרונות „דאס דורכנכיין איבערן פארשוויגענעם שטיין" און דערזען מיט א זעלישער ליכטיקייט די אנטפלעקונג פון „א מעשענער שישקע וואס ברענט אין שטראליקן ליכט". ס'איז נישט שווער אין דער אמתן אפילו פאר א פשוטן בשר ודם אזעלכעס איבערצולעבן. שטילע פארנאכטן ברענגען אויפטרייסלונגען פון „איך" וועלכע דערהויבן דעם מענטש און פארשיפן אים ביז צו די וואלקנס, וואס רויטלען זיך אין הויכן־נאענטן הימל. דאס וואס אונז איז אבער שווערלעך א ביסל, איז דער צו פארפומירטער זכרונות־קראנץ וואס עס טראגט אונז צו צום סוף פון אירע פרעכטיקע לידער, לאה גאלדבערג. ס'איז צופיל שיין. ס'איז צופיל דערהויבנקייט.

„האַריזאָנטן“

ס'איז צופיל פּראַכט פאַר דער ווירקלעכקייט און וועלכער מיר שטייען היינט פאַרזונקענע ביז איבערן האַלדז.

מיר שטייען דאָ אָבער גלייכצייטיק פאַר דער דערשיינונג פון דיכטער און זיין אייגנאַרטיקן קוק אויף דער וועלט און דאָס לעבן, און עס דאַכט זיך אונז, אַז גראָד דאָ שטייען מיר ביים מקור פון גרויסן סוד וואָס הייסט: די דיכטערישע זעאונג.

לאָמיר פאַרגעסן אַ מינוט אונזער קוק אויף זאַכן. לאָמיר פאַרנויגן אונ־זער קאָפּ און אַוועקקוקן אַ קאַפּעטשקע העכער, איבער די בלומען־קראַנצן וואָס לאה גאָלדבערג טראָגט אונז צו. געוויס איז נאָרמאַל וואָס מיר קוקן תמיד צום אייגענעם האָריזאָנט, און מיר חזרן און זאָגן צו זיך אַליין צום וויפלטן מאָל, אַז נישט די איינמאָליקע, נישט דערגרייכבאַרע, כמעט טריט איבער דעם „אַנטשוויגענעם שטיין“ אין שטעטל, איז אונז גראָד היינט צום האַרצן און שיינט אונז גראָד היינט אויף אין אונזער זכרון: מיר וועלן אָנהאַלטן און טאַקע פאַרבלייבן מיט אונזער פּליישיק־ערדישן קוק אויף זכרונות און לעבן.

ס'וועט אָבער זיין אַ זיסע באַרייכערונג פון אונזער דורשט נאָך די ליכטער פון יענע פאַרלוירענע יידישע וועלטן, ווען מיר וועלן זיך צוקוקן צום דיכטערישן אויפבלי אין די זכרונות פון לאה גאָלדבערג.

די דיכטערין האָט זיך דאָ אויסגעטאָן פון איר פּערזאָן, און איז פאַר־בליבן מיט דעם סימבאָל־זכרון, מיט דער ריינסטער איבערלעבונג וואָס האָט אויפגעטויכט אין איר געדעכעניש אין מאָמענט פון פאַרנאַכטיקע רעמיניסצענצן. די דיכטערין איז פאַרליבט אין דער אייגענער געפילן־וועלט, און טראָגט מיט ציטעריקע הענט דאָס הייליקע צנצנת פון ערשטע אויפ־שטראַלן ווען זי האָט זיך געגרייט צו דער גרויסער אייגענער אַנטפּלעקונג פאַר זיך און פאַר דער וועלט. די דיכטערין האָט שוין אַנדערש געזען. זי האָט שוין דאַן געזאַמלט אוצרות פון סודות'פולע ספערן, נישט דערזע־ענע און נישט דערקענטע פון קיינעם פון אונז. אַזוי זענען געקומען און אַנטפּלעקט געוואָרן צו איר די זכרונות פון זאַכן וואָס זי האָט געליבט און היינט מיט אַזאַ פּלוצימדיקער מוראַדיקייט פאַרלוירן. זי האָט אויך געזען די יידישע וועלט. זי האָט אויך געהאַט די טאָגטעגלעכע, אונזעריקע אויגן פאַרן ייד, שטעטל און לעבן, אָבער אויסערדעם איז נאָך געווען אין אירע

אויגן די אויסשטראַלונג צו דער אייגענער וועלט, די אייגענע איבערלעבי־גען, די אייגענע יצירה־מאָמענטן וועלכע האָבן שוין אָנגעפאַנגען אין יענע יינגסטע טעג פון איר ערשטן באַוווסטזיין וועגן פרילינג וואָס זי טראָגט אין אירע אָדערן.

לאה גאָלדבערג האָט געהאַט אַן אייגענע וועלט, וואָס איז איר פארלוירן געגאַנגען, און דעריבער פארגיבן מיר איר דעם צו בונטן זכרונות־קראַנץ וואָס זי אַנטפּלעקט פאַר אונזערע אויגן. דאָס זענען נישט כלל־ישראל זכרונות, נאָר אירע, אייגענע איבערגעלעבטע מינוטן און אויסגעציטערטע פּייזאַזשן. זי האָט די פּייזאַזשן פאַראייביקט אין ליד, און לאָמיר מיט־טרויערן מיט דעם וואָס אויך לאה גאָלדבערג האָט פארלוירן. ס׳איז גע־ווען אַן אוצר. די וועלט איז דאָרט געקומען צו איר סיני־אַנטפּלעקונג פון שירה און יצירה. יענע חורב־ערד איז פאַר איר הייליק און מיר טאָרן נישט פארשווייגן קיינעמס הייליקייטן וועלכע זענען דאָרט, אין יענע שטעט און שטעטלעך, געבוירן־געוואָרן מיט טיפער יצירה־הדווה.

ניין! נישט דיכטערישער קאַפּריז איז עס. דאָס איז טיפע איבערלע־בונג. דאָס איז דער שמיין, און די שישקע און די שטראַליקייט פון יענע פארלוירענע און אַנטרונענע טעג, פון יענער דערטרונקענער און פארלוירע־נער ווירקלעכקייט נאָך וועלכער יעדער איינער פון אונז ווייגט אין טיפן טרויער פון אייביקער אבל׳דיקייט וועלכע מיר וועלן שוין זיכער מיטטראָגן מיט זיך אין קבר אריין.

און קען זיין, אז מיר טרייבן א ביסל איבער. ס׳איז נישט בלויז דיכ־טערישער קוק אויף זאַכן. ס׳איז דאָס און נישט דאָס. ס׳איז אפשר גיכער א געפלעכט פון געפיל און ווירקלעכקייט, וואָס האַלט אונז אַלעמען צו בציצית ראשנו און לאָזט אונז נישט אָפּ, און לאָזט אונז נישט רוען אין קייטן־קלעם פון דער טאָגטעגלעכקייט. לאָמיר לייענען די שירות, און מיר וועלן זיך גלייך איבערצייגן, אז עס איז דאָ א קלאַנג פון טרויעריקער ערדישקייט אין לאה גאָלדבערגס זכרונות.

„ברך אזוב ואבן ועבור —

חשרף הזך יטוף על כפותיך.

„ה א ר י ז א נ ט !”

ניהוח נשכחות, ושוב תזכור
המית אילן ברום־חלונותיך
והצנובר של פליז בקרן אור”.

(„בענטש דעם גראָז און שטיין און גיי דורך —
דער ריינער בוימער־זאפט וועט טריפן אויף דיינע הענט.
דופט פון פארגעסענע טעג, און ווידער סט’זיך דערמאָנען
א בוימער־געברום אין דער הויך פון דיינע פענצטער
און די מעשענע שישקע אין שטראַליקער ליכט”)

דער „בוימער־געברום” אין אונזערע פענצטער איז אונז בכלל נישט פרעמד. ער איז אונז אזוי אייגן, אזוי נאָנט, אזוי נאָגנד־נאָנט. ווער פון אונז איז נישט געלעגן ביי אָפענע פענצטער אין די הייסע זומער־נעכט פון די פוילנס־ליטעס־רומעניעס און נישט געטאכט אין דער נאכט אריין וועגן פארגאנגענע טעג און נישט פארטרויטע מאָרגנס? ווער פון אונז איז נישט געלעגן אין פארזונקענע געדאנקען מיט פארשטאַרטע בליקן אין דער נאכט אריין וואָס האָט אונז גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט, נישט צוגעזאָגט און נאָר געשאָנקען דאָס ביסעלע היינט, דאָס אָרעמע, נעבעכדיקע און טרויעריקע ביסעלע היינט פון אונזער לעבן אין יענע שטעט און שטעט־לעך. די דיכטעריין איז אונזער אָפקלאַנג פון פארגאנגענע אָוונטן און נעכט, ווען אויך מיר האָבן אין געוויסע מינוטן געטרונקען פון איבערלע־בענישן־בעכער טראָפנווייז און געוועזן ווי אָנגעטרונקען, ווי פארשכורט מיטן קליין ביסעלע היינט. דאָס איז דאָך געווען אלץ וואָס איז אונז פאר־בליבן, ווי עס זינגט טאקע דאָס פאָלקס־ליד:

„ס’איז נישטאָ קיין נעכטן
ס’איז נישטאָ קיין מאָרגן
ס’איז נאָר דאָ דאָס קליין ביסעלע היינט”.

לאה גאָלדבערג האָט זיך נישט פאַראײַנזאַמט פון אונז. אפילו אין איר אייגנאַרטיקן דיכטער־קוק, איז זי מיט אונז, מיטן פשוטן מענטש, מיטן ייד פון אַ גאַנץ יאָר. ס׳איז אפשר אַ ביסל קאָמפּליצירט עס צו באַ־נעמען, אָבער מיר שפּירן עס אָפּ מיט אונזער פאַרבאָרגענעם שירה־חוש, אַז אַזוי איז עס. לייענען מיר טאַקע דעם פערז פון לאה גאָלדבערג מיט שטי־לער אכטונג, מיט אכטונג פאַר זיך אַליין, מיט אכטונג פאַר דער וועלט וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונזערע אָרעמס און מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט איר קענען צוטוליען צו זיך.

אין אונזער פאַריתומטקייט זענען אונז נאָך פאַרבליבן די גוטע ליכ־טער פון דאָס ליד. טרינקען מיר די טראָפּנס וואָס ווערן אונז צוגעטראָגן אין אונזער מדבר־דיקן גאַנג, און מיר פרישן אָפּ די ליפּן, די אויגן ווערן ליכטיקער, און מיר גייען ווייטער אויפן טרויעריקן יידישן וועג פון דער־מאָרדעטע נעכטנס און פאַרוואָלקנטע מאָרגנס.

* * *

שטייענדיק ביים שוועל פון קליינעם באַנד־לידער „מביתי הישן”, טרעפן מיר מיט איינמאָל אָן אַן ענדערונג אין דער געמיטלעכקייט פונם פערז וואָס מיר האָבן ביז איצט געפילט אין די לידער. די נאָמענקלאַטור פון די לידער, — „מראות־גן־סערה־העץ — רייסן אונז טאַקע נישט אָפּ פון שטילן גאַנג און פון געזאַנג, וועלכער טראָגט זיך ווייטער מיט זיין צו־ריקגעהאַלטענעם, אַ ביסל מבוייש׳דיקן און טרויעריק־פאַרטרוימטן פּאָס־טראָט. אָבער דער „שילד” פאַרפירט. דער אינהאַלט וואָס מיר זענען גע־נויגט אַריינצוטייטשן אין די לידער איז נישט דער אמתער מיין זייערער. לאה גאָלדבערג ווערט טראַגישער, מער דורכזיכטיקער, שטורעמדיקער, טראָץ דער פּויסטיקער צוריקגעהאַלטנקייט וועלכע שפּירט זיך אַרוים דאָ און דאָרט.

אָט האָבן מיר פּלוצים, ממש זייער פּלוצימדיק, אַ שטורם־ווינט. אין ערשטן אויגנבליק דאַכט זיך אונז אויס, אַז דער שטורם־ווינט איז ביי לאה גאָלדבערג נאָר אַ נאַטור־שילדערונג, וועלכע פאַרכאַפּט מיט איר אַנדערש־קייט, ברוטאַלקייט און צעבונטעוועטע הימל־קרעפטן אונזער דיכטעריין און זי שילדערט עס טאַקע מיט איר אייגנאַרטיקייט פון סטיל און געפיל. אָבער לייענענדיק די שילדערונג און גלייך נאָכדעם די ווייטערדיקע לי־

„האָריזאָנטן"

דער. פילן מיר אָפּ, אַז עס איז עפּעס מער. עפּעס פיל אַ טראַגישערע דער-שיינונג ווי סתם אַ צאָרן-אויסברוך פון די פאַרבאָרגענע נאַטור-כוחות. מיט אַנטדעקן פּלוצים, אַז די „אַלטע היים" פון לאה גאָלדבערג איז פאַר־אומגליקט געוואָרן. עס איז אונז נתגלה־געוואָרן, אַז די צוריקגעהאַלטנקייט פון דער דיכטערין ביז איצט איז געווען אַ העלדישער איינהאַלט פון שלוכץ וואָס איז געלעגן אויפן שוועל פון האַלדז-און-ליפּן. ס'איז נאָך פאַראַן אַ סאַמעט־גאַנג, אָבער פון אונטער דער פּעלערינע קוקן אַרויס די צעבלור־טיקטע פּיס פון דער טראַגעדיע און פון אונטערן שוואַרצן שאַל אירע אָנ־געשוואָלענע פאַקלדיק-ברענענדיקע אויגן.

„היה היער חטיבה אחת

של אפלה שוללת ועורת".

(„איז געווען דער וואַלד איין שטיק

בלינדע און בלאָנדזשענדע פינסטערקייט")

שוין די שילדערונג אַליין פאַרכאַפּט אונז דעם אָטעם. מיר זעען גאָר אַן אַנדער וואַלד אין מאָמענט פון־פאַרן־שטורם. אַלע שטורם-שילדערונגען האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ „בלינדע און בלאָנדזשענדע פינסטערקייט". דער מאָמענט פון־פאַרן־שטורם ווערט געשילדערט ביי אַ סך דיכטער אין פּאַשידנאַרטיקע וועגן, געפילן און פּייזאַזשן, אָבער קיינמאָל נישט אַזוי שרעקלעך ווי לאה גאָלדבערג טוט עס אין איר ליד „סערה". מיר שטייען פּלוצים מיט אַ קלאָרער ביוודעימקייט ביים אַריינפּיר צום סוף, צום שרעק־לעכן און טראַגישן סוף, פון „דער אַלטער היים". ווי מוראַדיק קומט אָן דער שטורם:

„קרוב מאוד, בשחק השטוח,

הלך ענן, כבד־צעד וענק.

יום קמוץ־שפתים.

ישעיהו אוסטרי־דן

לפתע, מחזה של נוף נחנק
כאנחה גדולה פריץ הרות.
— — — — — — — — — — —
היער זע. והמטר ירד.״
(„זייער נאַנט, אויפן פלאַכן הומל
איז אַ וואָלקן געגאַנגען, שווערטראַטיק און ריזיק.
אַ ליפּן־פּאַרביסענער טאָג.
פּלוצים, פון דער ברוסט פון שטיקנדן־זיך פּייזאַזש
ווי אַ גרויסער קרעכץ ט׳זיך געריסן דער ווינט.
— — — — — — — — — — —
דער וואַלד האָט גערירט. און דער רעגן איז אַראָפּ״)

די גאַנצע שילדערונג טראָגט אין זיך עפּעס סימבאָלישעס. זי איז צו שרעקלעך, צו גרויזאַם, זי זאָל מיט זיך פאָרשטעלן נאָר אַ נאַטור־דערשיינונג. מיר ווערן, כמעט טראָץ אונזער ווילן, אַריינגעשלעפּט אין שרעקעוודיקן ישראל־אומקום־קעניגרייך פון אַנאַלאָגיעס. אָבער דאָ קומט די לעצטע שורה און שטויסט אונז צוריק אַריין אין די אָרעמס פון צווייפל. מיר פרעגן זיך: האָט עס טאַקע לאה גאָלדבערג געמיינט דאָס וואָס אונז פילן אָפּ לייענענדיק די שורות? און אויב ניט. ווי קומט אהער דער שטורם אין די אידיליע־זכרונות פון דער „אַלטער היים״? און אפשר איז עס נאָר אַ ווייטערדיקער שטאַפּל אין זכרונות־קראַנץ: וואָס שילדערט אונז ווי אַזוי די דיכטערין האָט אַמאָל, יונגערהייט, אָפּגעשפּירט די שרעק פון אָנרוקנדן־זיך שטורם?

ווי עס זאָל נישט זיין, מיר קענען זיך נישט באַפרייען פון געפיל, אַז דער שטורם איז זייער נאָנט דער אומגעקומענער אַלטער היים און איר היינטיקער טראַגישער ווירקלעכקייט. ערגעץ־ווו איז נאָך פּרוכטיק די

וועלט. „דער רעגן איז אראָפּ". דער שטורם האָט זיך אין אַ רעגן אויס־געלאָזט. אָבער די מוראדיקע וועלט פון אָנרוקנדן־זיך־שטורעם האָט אונז נאָכנישט אָפּגעלאָזט. מיר רייסן גאָך די אויגן צו די פּאָריקע שורות. זיי זענען עס דער ריכטיקער פולער מיין. זיי האַלטן אונז פאַרן גאָרגל. זיי זע־נען דער אָנזאָג פון אונזער גרויסן בראָך וואָס האָט אונז טאַקע שפּעטער געטראָפן. פריער האָבן מיר עס נישט געפילט, און אויב געפילט, נישט פאַרשטאַנען דעם מיין דערפון. היינט, שוין נאָכן אומגליק, פאַרשטייען מיר אין דער פולער שרעקלעכקייט און שרעקעוודיקייט וואָס דער פאָרויס־זאָג האָט געמיינט פאַר אונזער היינט צעפּערטלט און צעבראָקלט פאָלק.

די פינף סטאַנצן, וועלכע קומען באַלד אָן מיט זייער קלאָרן מיין אונטער דער באַצייכענונג פון „העץ" שטעלן אונז אַוועק מיט ביידע פיס אין דער ווירקלעכקייט פון גרויליקן היינט. אין ערשטן פלוג דאַכט זיך, אַז דער בוים איז דער זעלבער בוים ווי אַלע אַנדערע ביימער וועלכע זענען באַזונגען געוואָרן, ווי אַלע דיכטעריש־געשילדערטע און אין סטאַנצן פּאַראייביקטע ביימער. ס'איז אַ ווירקלעכקייט פון טויזנט־יאָריקן לעבן. ס'איז אַ קאָלאָ־סאַלער לעבנס־אָפּשניט. פאַרכאַפּט מיט דעם דיכטער. באַזינגען עס די גאונים פון געפיל און געדאַנק.

אָבער ניין, ס'איז נישט אַזוי. די ווייטערדיקע סטאַנצן זענען קלאָרע, אויסערגעוויינלעך קלאָרע און ווייזן דייטלעך אָן דעם מיין. דער בוים איז ענג פאַרבונדן מיטן יידישן אומקום־גורל, מיט געוועזענער איינגעוואָרצלט־קייט, און מיט אייביקן לעבן — אין איין־און־דערזעלבער צייט. לאָמיר עס איבערלייענען צוזאַמען. לאָמיר נעמען דעם ערשטן סטאַנעט אינגאַנצן, אַזוי ווי לאה גאָלדבערג האָט אים געשאַפן און געזונגען און מיר וועלן זיך גלייך איבערציינגן אַז דער בוים און ישראל־סבא, זענען היינו־הך:

„ראיתי עץ כורע על נהר,
איתן ושבע־ימים ודידוע־סער,
אדיר מרגוע ושכול מיער.
איכה סגד לזרם הנמהר!

ישעיהו אוסטרי־דן

בחביוני עתים לבו בגר,
שלם עם השפלת־עצמו־מדעת,
עם גאוה ואהבה נכנעת
והקדמות בו — ליש בסוגר.

ויפקד במרי ובחוק,
ומר דמו היה לפרי מתוק.
ויסער כהנה וכהנה.

ורק הזרם שחלף אי־אז
ראה את צמיחתו בכאב ורז
וירחם אותה ויאהבנה."

(„כ'האָב געזען א קניענדן בוים ביים טייך,
מעכטיק און יאָרן־זאט און פון שטורם־געפּרוווט
מיט גרויסער רו אָנגעזעטיקט אין איינזאם אָן וואלד ארום אים.
ווי פּאָרכטיק געבויגן ר'האָט זיך צום ברויזנדן שטראָם!

אין סוד פון צייטן איז ס'הארץ רייף געוואָרן
און פון איינענעם ווילן געפאלן ביי זיך
מיט גאווה און ליבע אין פולער הכנעה
און דאָס קדמוניות'דיקע אין אים — א טיגער אין שטייג.

און געפּרוווט ר'איז געוואָרן מיט רעוואָלט און געזען
זיין ביטער בלוט אָ זיסע פּרוכט איז געוואָרן,

„ראיתי עץ כורע על נהר,
איתן ושבע ימים וידוע־סער
אדיר מרגוע ושכול מיער..."

„ה א ר י ז א נ ט ן"

ניט איינמאָל דאָ און דאָרטן פונאנדערגעשטורעמט.

און נאָר דער שטראָם וואָס איז אין יענע טעג דורכגעשוועמען
ער ט'אים געזען וואקסן אין ווייטיק און סוד,
און האָט זיך דערבארעמט איבער אים און אויך ליב געקראָגן.")

געוויס, קען דאָ איבערגעחזרט ווערן דאָס פריער געזאָגטע, אז ס'קען זיין, אז מיר אינטערפרעטירן נישט געלונגען דעם מיין פון ליד. קען זיין, אז מיר זענען פארטונקען אין אייגענעם סבל-בילד, אין אייגענעם פיין-פייזאזש, און מיר זוכן אין די סאָנעטן און לידער וועלכע טראָגן דעם נאָמען „מביתי הישן" די היים, און דאָס פארגאנגענע וואָס פייניקט אונז אין איצטיקן מאָמענט אזוי אומברחמנותדיק.

איז אָבער גענוג אז מיר זאָלן גלייך לייענען דעם צווייטן סאָנעט, וועלכער געפינט זיך דערנעבן, און געהערט צום בוים, צום זעלבן בוים וועגן וועלכן מיר האָבן נאָרוואָס געהערט רעדן מיט אזוי פיל צויבער, ליבע און טיפער אכטונג. דער צווייטער סאָנעט לאָזט נישט איבער קיין פלאץ ביים לייענער פאר קיין שום צווייפל; ס'ווערט אונז גרינגער אויפן הארצן. עס קומט טאקע אוים ווי די דיכטערין וואָלט אוועק וואנדערן אין די עולמות העליונים פון דער שירה און האלט אונז אין א געוויסער דיס-טאנץ פון זיך. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן געפילט איז ווי א דערוווייטערונג פון א מאמע-האנט וועז זי לייגט אונז שלאָפן, ווייל מיר זענען צו יונג ארייצוזיצן אין דער שפעטער נאכט אריין און דערוויל נאָכנישט דער-וואקסן צו הערן די שיחת-חולין פון עלטערע. מיר זענען א ביסל בייז, אָבער מיר ווערן גלייכצייטיק פארווינגט פון איר שמייכל, פון איר גוט וואָרט, פון איר שטילן ניגון, און מיר פארגעסן זיך אין פיין פון דער דער-ווייטערונג און מיר בלייבן איבער מיטן געפיל פון טיפן פארגעניגן און טראָגן א דאנק-שמייכל אנטקעגן פארן ליד וואָס די מאמע האָט אונז גע-שאָנקען און עס צוגעטראָגן נאָר פאר אונז אליין, אין דער שטילער נאכט אויפן קילן און גלעטיקן געלעגער.

לאה גאָלדבערג, ווי יעדער דיכטער, דערווייטערט אונז מיט אזא

מאמע-האנט, און מיטן זעלבן מאמע-ניגון, ווען זי גייט אוועק פון אונז אין די עולמות העליונים פון געטלעכן געזאנג. מיר בלייבן שטיין א ביסל תוהה׳דיק, א ביסל פארגאפט; עפעס פארשטייען מיר נישט פארוואס האט זיך די דיכטערין אזוי גאר אויסגעדריקט, גראד מיט די ווערטער זיך דער־שלאגן צום פארענדיקטן פערז, אבער מיר שפירן עס אפ, אז זי איז אין ארדנונג מיט דער הייליקער „שיחת חולין״ פון די מלאכי השירה און ערגעץ ווו וועלן מיר שוין רייף ווערן אין דער צוקונפט צום פאר־שטאנד, אדער צו דער עליה, וואס וועט אונז דערמעגלעכן פארשטיין וואס די דיכטערין האט אונז געזונגען מיט די טיול־סודות און נוגה׳דיקע ניואנסן וואס האבן אונז פארבלענדט אזוי שטארק, אז מיר האבן שוין נישט דערזעען דעם וועג און כמעט נישט געוווסט ווהין די דיכטערין פירט אונז.

מיר לאזן דעריבער דורך דאס, וואס דער בוים איז „וואלדלאז״; מיר קוקן אוועק פון זיין „פארכטיקן בוקן זיך״ צום שטראם; מיר גייען איבער גלעטיק איבער דער „הכנעה׳דיקער גאוה און ליבע״ און אויך פאר־שווייגן מיר דאס „ביטער בלוט וואס איז געווארן זיסע פרוכט״. לאמיר עס איבערלאזן צו דער אייגענער געפילן־וויברירונג פון לעזער, פון יידישן יחיד, וואס עפנט אויף א בוך לידער. לאמיר צוריק זיך אומקערן צום קלארערן מיין וואס פארכאפט אונזער אינטערעס אין איצטיקן מאמענט. מיר זוכן די אלטע היים מיט אלע אונזערע רמ״ח איברים, מיט אלע אויפ־ברויזן פון אונזער נשמה. דער צווייטער סאנעט זאגט אונז אזוי פיל וועגן אינז אליין, וואס שטייען נאך אלץ אנטקעגן דער טראגעדיע. מיר זענען נאך אלץ אין דער שוידערלעכער שפיל פון בלוטיקן בלאט געשיכטע. מיר שטייען פאר אן אימה׳דיקן מאמענט אין יידישן זיין. ווי קוקן מיר אויס, וואס פילן מיר אפ, אין לאה נאלדבערגס ווזיע?

„אנהנו אחרונים בטרם אור.

באשר יפגע כוכב במרום הרטט,

באשר זריחת הגבול בשחור נחרטת

נפול, כי חשיגנו המגור.

„ה א ר י ז א נ ט ן“

לבלתי דעת, לבלתי עבור
מפי התהום אל חוף יתגעגע
דמנו הקנא והיגע
אשר מעל בנדר ובדור.

מעל עינינו כקלפה יצנח
עולם יקר, עולם אהוב כל־כך,
ובהמשכה אליו תגוע ידנו.

והאילן מול זרם מעורפל,
אשר ענפו השח נגע בגל,
יראה את אור השחר בלעדינו.“

(„מיר זענען די לעצטע נאָך פארן טאָגן.
ווען דערגיין וועט דער שטערן צום טורעם פון ציטער
ווען די זריחה פון ראנד ווערט שווארץ פארקריצט
וועלן מיר פאלן, ווייל דער אומגליק האָט אונז דעריאָגט.

נישט וויסנדיק, נישט דורכגייענדיק
פון תהומות־ראנד נאָך ברעגן בענקט
אונזער מאָגנענדיק און פארמאטערט בלוט
וואָס פארראטן האָט דעם נדר און דעם דור.

פאר אונזערע אויגן וועט ווי א שאָלעכץ אראָפפאלן
א טייערע וועלט, אזא היים־געליבטע וועלט,

ישעיהו אוסטרי־דאן

און זיך ציענדיק צו איר, וועט אויסגיין אונזער האנט.

און דער בוים אנטקעגן נעפלדיקן שטראָם,

וואָס זיין געבויגענע צווייג האָט די כוואַליע אָנגערירט

וועט ארויסגיין דעם פרימאָרגן אנטקעגן, אָן אונז".

נישט איבערגעטריבן איז עס וואָס מיר ברענגען דעם גאנצן סאָנעט. ער איז זייער שטארק און זייער כאראקטעריסטיש, מיר זאָלן אים דורכלאָזן. וואָס מיר זוכן איז דאָך נישט די קלאסיפיקאציע־קריטיק, אָדער די עפיטעטן־אָנקלעפּ־באַמיאונגען, וואָס זענען אזוי נשמה'לאָז און אָן קיין ווערט, און קיין זין נישט, פאר דעם, וואָס זוכט טאַקע דעם פולן און הויכיקן אינהאַלט פון א געזאַנג וואָס שפּיגלט אָפּ דעם טיפן מיין, און טיפן געפיל פון א תקופה. דאָ דערשיינט דער בוים פאר אונז אין זיין גאנצער שייניקייט, אין זיין פערזאָניפיצירונג וואָס מיר האָבן אים נאָך פריער צוגעשריבן. און דער פארגלייך איז אונז אזוי שטארק צום הארצן. ער איז פארבונדן אי מיט א טיפן געפיל פון פארוואָרצלדיקייט אי מיט א בילדערישקייט וואָס מיר האָבן ניט איינמאָל אָנגעטראָפן אין תנ"ך. עס איז דאָ א קעניגלעכקייט אין זיין געשטאַלט, אין דער צושרייבונג אים פון דורות־לאַנגן זיין, איבערקומענדיק שטורעמס און אזוי פיל אָסיענדיקע תקופות אין זיין לאַנגן לעבן. פרימאָרגנס ט'ער געזען, און אויפשיינען פון גינגאָלדיקע זונען אין שטילן, קעניגלעך־רואיקן און ווינטלאָזן אויפקוועל פון טאָג. לאה גאָלדבערג זעט ווי דער שטראָם טראָגט אוועק „זיין שאָטן — זיינע פארוועלקטע בלעטער און זיין פראכט אָנגעזאַמלט פון א רעגן־זאַטן זומער און מיט גאָלדיקן פראכט באמאנטלט"; און זי זעט אויך ווי „די קלוגע צייט האלט אים פאר זיינע דינינקע צווייגלעך". אָבער זי זעט אויך ווי דער בוים זעט זיין לעבן־וווקס אויפגעפרעסן דורכן שטראָם און וואַרט, פאראָסיענט, סיי נאָכן ליכט און סיי נאָכן מאן מיט דער זעג. און באַלד קומט דער פארגלייך. זי זעט אונזער נאַכט צעטרייסלט און דערציטערט, און זי פרעגט: ווי קענען מיר נאָך האָבן נאָך עטוואָס שענערס און בעסערס אין לעבן? מיר זענען דאָך אזוי אומגעדולדיק, אזוי קורץ אין

„ה אָ ר י ז אָ נ ט ן"

טאָג, ווי קענען מיר זיך אויף עפּעס דערוואַרטן? און אויך אין פערטן כאַנעט טרעפן מיר דעם זעלבן שטילן און דערשיטערנדן יאוש.

„נעצרים ברום כוכבי־הלכת
וחבוקי תפרחת ושלכת
בכה יבכו הלילה והעץ.

ובטרם שחר, עת תכבה שנתנו,
נוטף הטל המר על שמורותינו
ואישונינו הצופים לקץ".

(„בלייבן שטיין אין דער הויך די פּלאַנעטן
און אומגעהאַלדזט מיט בליאונג און וועלקונג
וויינען שטיל, די נאַכט און דער בוים.

און איידער ס'נעמט טאָגן, לעשט זיך אויס אונזער שלאָף
און ס'טריפט דער ביטערער טוי אויף אונזערע וויעס
און אויף אונזערע אויגן וואָס קוקן צום קץ").

מיר געפינען דאָ דעם גראַדיקן אָנשפּאַר אין פּאַראַלעל: בוים־לעבן: מענטש־לעבן. אין די פיר סאָנעטן פירט לאה גאָלדבערג דורך דעם גע־בילן־גאַנג און פאַרקייטלט מיט שטילן ווייטיקביידע גורלס און געפינט די פּיין פון אונזער לעבן צו זיין פיל שווערער, ווייל קורצער, ווייל וויי־ניקער פאַרוואָרצלט און ווייל אומגעדולדיק אין אונזערע פריידן און ליידן.

דער פינפטער סאָנעט, וועלכער שליסט אָפּ אין דער אמתן דעם בוך לידער, איז אַן אידעלע אויסשטראַלונג פון האָפענונג: ״ירך אונזער ניי־עם אויפקוואַל: די קינדערלעך. דער פּייזאַזש איז א באַרואיקטער. די שטורמווינטן זענען אוועק און אפילו דער אָנדענק זייערער איז שוין באַלד

ישעיהו אוסטרי־דן

פארלוירן געגאנגען. דער שטראָם פליסט זיך רואיק און דער בוים גלעט מיט טיפן און גלוסטיקן ציטער די כוואַליעס וואָס קייקלען־זיך שטיל־כאַמעטיק.

„הנה יצאו בנינו הקטנים
הקבל האור ולראותו פנים,
לבם לא חת ומבטם פקוח,

ובדמם הבוקר יעלה
כמיץ זורם משורש לעלה
וברוך תלתליהם ישקוט הרוח".

(„אָט זענען ארויס אונזערע קליינע קינדער
מקבל־פנים זיין ס'ליכט און אים גוט אָנקוקן,
זייער הארץ איז העלדיש און ס'אויג אָפן,

און אין זייער בלוט וועט דער מאָרגן אויפגיין
ווי זאפט וואָס שטראָמט פון וואָרצל צו בלאַט
און אין זייערע ווייכע לאָקן וועט רוען דער ווינט")

ס'איז נישט קיין אָנדייט אויף ארץ־ישראל. מיר שפירן אָבער אלע אָפּ, אז אויב יידישע קינדער זענען ערגעץ־ווו געוואָרן דער גראַדיקער און די־רעקטער וועג פון ייד אין דער נאטור און אין דער מענטשלעכער געשיכ־טע, איז עס דורכן יונגערן דור אין אייגן לאנד. אין וואָסארן אנדערן פלאַץ אויף דער וועלט האָבן מיר דען געהאט אזא אויפשטראַל פון יידי־שער יוגנטלעכקייט, מיט שטארקע הערצער און אָפענעם אויג, אויב נישט אין ארץ־ישראל?

אָבער דאָס איז, אין דעם פאַל, א צווייט־ראַנגיקער מאָמענט. דער

עיקר העיקרים אין לאה גאָלדבערגס פינפטן סאָנעט ליגט אין דעם יתרון וואָס דער מענטש האָט אפילו איבערן בוים און טויזנט־יאָריק לעבן. מיר האָבן דעם באַלדיקן המשך אין דער נאטור און אין לעבן. מיר שאפן אליין דעם המשך, מיטן אייגענעם ווילן. מיר שאפן די פארקייטלונג פון דורות, וואָס קומען כסדר אויף אנטקעגן דעם בוים און זענען א כסדרדיקע איבערחזרונג פון אונזער „איך". סופסוף, זעט אונזער „איך", אז ער איז שטארקער, מעכטיקער און לאנגדויערנדיקער ווי דער בוים. דאָ ליגט דער טיפער זין פון דעם גרויסן גלויבן און שטארקער אמונה פון לאה גאָלד־בערג אין אונזער מאָרגן. אזוי ארום באקומען מיר נאָך א שטילן און גע־וואגטן ביישטייער פאר אונזער גלויבן אין יידישן מאָרגן. אָט איז דאָ דער גרויסער וועג, דער אייביקער שליאך, אָט האָבן מיר די קינדער, וואָס גייען ארוים מיט אָפענעם אויג ארייַנקוקן דאָס ליכט אין פנים אריין, און ס'איז אויך דאָ דער פונאנדערקוואל פון אונזער אייגענעם גלויבן אין קאמף פארן מאָרגן, פארן יידישן מאָרגן, פארן מאָרגן פון דער מענטשהייט, וואָס וועט נאָך ווען עס איז, — מיר דארפן זיין זיכער דערמיט, — ארייַנגיין אין א לעבן, וואָס וועט שוין אפילו נישט געדענקען דעם זכר פון שטורעמס וועלכע זענען ווען עס איז, אמאָל, געווען.

און איידער מיר געזעגענען זיך מיט דער „אלטער היים" פון לאה גאָלדבערג, אייניקע ווערטער נאָר וועגן דעם לעצטן טייל פון קליינעם באנד לידער, וועלכער טראָגט דעם נאָמען: מתוך „שיר בכפרים".

אין געזאנג פון שטילן ווייטיק

כ'גלויב, אז דאָס איז דער פולסטער אויסטייטש פון פאָלקס-ליד ביי אלע פעלקער אויף דער וועלט. איר זענט אין א צושטאנד פון א פארקלעמטקייט, אָבער עס רייסט נישט קיין שטיקער פון לייב. עס איז אן אנטמוטיקטער ווייטיק, א שטילער צער, א פאַמעלעד-טרויעריקער גאַנג, אין א פארנאַכט, נאָך א פארלוירענעם טרוים.

דער לעצטער טייל פון לאה גאָלדבערגס „מביתי הישן" וואָס טראָגט דעם נאָמען „מתוך "שיר בכפרים" איז א שטילע אָפּשליסונג פון די זכרונות פון דער אלטער היים. דער גוי איז געווים נישט געווען פארפיק־סירט אין לעבן פון ייד, אז ער זאָל נאָכטראָגן פון אים זיסע זכרונות אין זיינע ווייטע היימען, וועלכע ער האָט געמוזט גיין זוכן צוליב אים. עס איז אָבער געווען א יוגנט. די יוגנט האָט נאָך געזען די וועלט אין אירע ראָזע פארבן, ס'איז נאָך געווען דער שטילער טרוים אויף דער נעטער ערד פון די פוילנס, ליטעס און רומעניעס. עס זענען געוואקסן בלומען, ס'האָבן געריישט בוימער און ס'האָבן געגעלבט זיך די אָפענע פנימער פון די סלאָנעטשניקעס ארויף צו דער זון. סאיז אויך געווען דער שטילער טרויער פון פויער און פון דער פויערטע, זייער צער, זייער אָרעמקייט און זייער לײדנשאפט וואָס איז אויסגעגאָסן אין טיף-עלעגישן ליד פון די מזרח-אייראָפּעאישע סטעפּעס.

די יידישע יונגע יאָרן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די לײדנשאפטן, דעם נאָגנדן טרויער, און אים מיטגעבראַכט מיט זיך אין די נייע וועלטן און קאָנטינענטן. און ווען די אלטע היים איז אזוי טראגיש אוועקגעריסן געוואָרן פון אונז, איז עס א מאָדנער ביישטייער פון זיסקייט און פון שלמותדיקייט צו דער וויזיע פון אונזער היים, ווען מיר באקומען אויך

דעם „ליד אין די דערפער" פון אונזער פריסטער יוגנט אין דער שפעטערער דייפקייט.

ליגט נישט אין דעם צופיל סליחה, צופיל מענטשן-ליבע. ווען מען רייסט אריין אין דעם הייליקן זכרון פון אונזער אלטער היים אויך דעם אנדענק פון די „דארפס-לידער" פון יענע פעלקער, פון יענע מענטשן, וואס האבן אזוי פיל בייגעטראגן צום זיג-איבערן-ייד פון פארשאלטענעם נאצי?! איז עס נישט אמאל א טראט וואס איז מחלל דעם קודש פון אנדענק פון אונזערע קדושים? — ווער קען עס מעסטן און ווער קען עס פעסטשטעלן... סאיז נאר דא ביי אייך א דורשט נאך פענעצן אנדענק און איר לאזט לאה גאלדבערג אים רעאליזירן. איר ווילט אפשר מיט איר נישט מיטגיין, אבער בייזערן זיך אויף איר האט איר אויך נישט פארוואס. מיר זענען דאך אזוי אייגן און אזוי איינזאם אין אונזער אייגנארטיקייט. ואל לאה גאלדבערג אויך אונזער יוגנט באזינגען, און זאל עס זיין אפילו פון זייער ווינקל. סאיז דאך פארט אונזערס, אונזערע איבערלעבענישן, וועלכע זייער פיל פון אונז האבן דאך נאך ביז היינט נישט פארגעסן.

ווייל זייער ליד איז געווען א געזאנג פון טרויער איז ער אונז אזוי שטארק געווען צום הארצן. מיר האבן שטענדיק ארויסגענומען דאס הארץ-נאגנדיקסטע פון יעדן פאלקס-ליד אין די לענדער אין וועלכע מיר האבן געוווינט. געווען איז די יידישע ליבע א שטילע, א דערשטיקטע און אין ליכטיקסטן פאל, א צוריקגעהאלטענע, און אזוי איז אויך די ליבע פון דער פויערטע, פון דאס פויעריש-מיידל. האבן מיר געפילט דעם זיסן און אייגענעם טעם זינגענדיק זייערע לידער. אזוי איז געקומען אין „מביתי הישן" דאס ליד פון די דערפער פון מזרח-אייראפע וואס האט געהילכט אין אונזער נשמה אין יענע יארן.

די מאטיוון פון די לידער זענען פארשידנארטיקע אבער ווי א פאדעם פון טרויעריקער איבערלעבעניש וואס איז אייגן די אלע מאטיוון גלייכ-צייטיק, וואלט זיך געצויגן איבער די אכט לידער פון ווייטן דארף. אט איז פאראן דער שטילער געוויין אויפן געליבטן וואס דערטרונקען איז געווארן אין טייך; אט הערן מיר צו צום טרויער פון איינזאמקייט און געפענטעטער פאראורצלטקייט צום פלאץ אין ליד צו די ווילדע גענז, וועלכע פליען פריי און לוסטיק וווהין זיי ווילן אין די אפענע ברייטן פון

„ה אָ ר י ז אָ נ ט ן“

די הימלען; עס איז אויך פאראן דאָס ליד פון שיידונג, — אפשר צום קריג, אפשר צום ווייטן וועג, — אווו דער יונגער בחור געזעגנט זיך מיט דער געליבטער און מיט אלץ ארום; און ווידער א ליד וועגן א געליבטן, וואָס האָט געדארפט קומען און איז נישט געקומען. דער טאטע האָט אין טייער געזאמלט די תבואה, די כלה האָט אירע קליידער גענייט, און דער חתן איז געשטאָרבן; און אָט איז א חתונה-ליד, און א ליד וואָס ווארט אָפּ א מיסטעריעזן גאסט וואָס האָט געדארפט קומען און ער האָט גאָר פאראטן די האָפענונג פון דער שוועסטער, און דער ברודער וויל גיין נקמה-נעמען, פאר איר אנטוישונג און ווידער א ליד פון א חתן וואָס איז נישט געקומען און צולעצט דאָס ליד פון היימלאָזן: „שיר בן בלי בית“.

אָט דער לעצטער ליד גיט אָפּ דעם ווייטיק פון אונזער צייט. דאָס ליד רעדט וועגן חורבן, וועגן אומקום און וועגן א שוועסטער וואָס האָט קיינעם נישט נקמה צו נעמען פאר איר צוגערויבטער אומשולד. מיר שפירן דאָ דעם ציטער פון אונזערע טעג און פון אונזערע ווייטיקן. און אזוי זינגט לאה גאָלדבערג אין די לעצטע שורות פון לעצטן ליד אין איר קליינעם באנד-לידער:

„וראש אחותי על שרוול מרוקם.\
יורדות דמעותיה, זולגות כים.\
בוכה בלילה, בוכה ביום.\
נקמת בתוליה מי יקום?

אקרא לזאב טורף הטרף,\
לשועל הערום מישימון ותוהו:\
„רעבים, נרדפים, מוכים לפי־חרב,\
האספו ובואו, האספו ובואו!“

בכפר וביער פשט הצר.

ישעיהו אוסטריי־ד:

נכרת האלון, היבול לא נקצר,
לא נישן בלילה, לא נשקוט ביום —
בכי אחותנו עולה עד מרום".

(„און דער קאָפּ פון מיין שוועסטער אויפן ארבל געוועבטן.
ס'רינען אירע טרערן, רינען ווי וואסער.
זי וויינט ביינאכט, זי וויינט בייטאָג.
פאַר צוגערויבטער אומשולד. ווער וועט נקמה נעמען?

רופן וועל איך דעם בלוטדורשטיקן וואָלף,
דעם קלוגן פוקס פון וויטן מדבר:
„הונגעריקע, פארפאָלגטע, פון שווערד צעשלאָגענע,
קומט זיך צונויף, קומט זיך צונויף!"

אין דארף און אין וואלד איז דאָ דער שונא,
פארשניטן דער בוים, ניט אראָפּגענומען דעם שניט.
מיר וועלן נישט שלאָפן ביינאכט, מיר וועלן נישט רוען בייטאָג, —
אונזער שוועסטערס געוויין ביז די הימלען גרייכט").

מיר בלייבן פארקלעמט אין טיפן טרויער און ווייטיקדיקן צער פאַר אונזערע שוועסטער וואָס נישט איינע פון זיי האָט זיכער מיטגעמאכט דעם שרעקלעכן גורל אין דער מוראדיקער שרפה פון דעם נאָרוואָס איינגעשטילן קריג. איז נישט זים דער טרויער ווען מיר פארמאכן דאָס ביכל לידער. עס איז טייער, אייגן, אָבער מיר שפירן נישט אָפּ קיין פרייד פון איינעם וואָס גייט ארויס א יצירה אנטקעגן. די ווירקלעכקייט איז צו שווידערלעך און די טעג זענען צו פינצטער. פארבלייבן מיר מיט זיך

און עס שטויסן זיך אין קאָפּ א ים מיט פראגן, א וועלט מיט טענות, און איר ווייסט נישט אנטקעגן וועמען, און וואָס ערגער איז, נאָכוואָס. מיר זאָלן אויסשרייען. זאָגן מיר זיך: אזוי איז דאָס לעבן. פון די גרויסע אומגליקן פון אמאָליקע צייטן, פון די חרובע שטעט און מלוכות, פון יענע שוידערלעכע שחיטות, ביז דעם אימהדיקן יידישן היינט, ציט זיך איין לאנגע, נישטפארשטענדלעכע, ניטבאגרייפבארע ווירקלעכקייט פון אומקום ווי א באדינג פאר דעם נייעם געבורט, און איר ווייסט נישט פארוואָס עס האָט אזוי געמוזט זיין. עס ווילט זיך אייך נישט פילאָזאָפירן מכוח שטה און צייט. איר פייניקט זיך נאָך אן ענטפער, פארוואָס איז עס אזוי, ווייל עס האָט דאָך נישט געדאַרפט זיין אזוי, ווייל עס האָט דאָך נישט געמוזט זיין אזוי. עס האָט דאָך געקענט זיין אין דער וועלט אן אייביקער אויפגעם פון מאמע-אָרעמס אנטקעגן די אָנקומענדע דורות. עס האָט דאָך געקענט זיין אן אייביקער אויפקוואל פון יצירה אָן פארוועלקונג, נאָר דער זין זאָל באשטיין אין פערמאנענטן, ווייטערדיקן אויפקוואל און פונאנדערוווקס. ווי עס זעט דער מענטש דעם פערמאנענטן און כסדרדיקן אויפשיין פון דער זון, און דעם פערמאנענטן אויפקום פון טאָג, און דעם אייביקן גלעט פון ווינט אין די העלע פרימאָרגנס אָדער שטילע פארנאכטן.

געווים האָט אזוי געקענט זיין, אָבער עס איז נישט אזוי. בלייבן מיר מיט אונזער טרויער און מיר פארשטייען נישט זיין זין. עס איז שווער אויפן הארצן און מען שענקט נאָר א שטילן גלעט דעם שער-בלאט פון קליין ביבעלע לידער. אזוי, אזוי. אָט איז געווען אן אלטע היים; אָט איז געווען אזא טיפזיניק לעבן; און איצט איז אונז פארבליבן נאָר דאָס ליד, דער שטילער ליד פון זכרון און אָנדענק. וואָס ברענגט נישט קיין טרייסט, נאָר אפשר, קוים-קוים, א שטיקל אָנשפאר פאר אן אילוזיע פון דער פערמאנענץ פון דער אלטער היים דורכן ליד פון לאה גאָלדברעג.

און ווער ווייס, אפשר איז עס טאַקע אזוי, אפשר איז דאָס די טרייסט..

אין פלאַמיקן גאַנג
פון יהודה קרני'ס
„משירי ירושלים"

די בריק צום חלום צופוסנס.

גיית און שטעלט אייך אוועק אויף א הויכן בארג און זוכט א בריק צווישן תהומות. דאָס יידישע לעבן פון אייראָפּע וואָס איז צעשטויבט און צעיאָגט געוואָרן דורך אַלע שטורמווינטן איבער אַלע ערד-האָריזאָנטן, און דער צוויי-טויזנט-יאָריקער טרוים וואָס האָט געהאַלטן דאָס פאָלק בציצית וראשו אין די אַלע צענדליקער דורות און דאָך געווען פאַרשטעלט פאַר זיי-נע אויגן.

ווו איז די בריק? — אויב איר קענט אייך אויסמאָלן אומגליקן געקליי-דעט אין הדרת׳דיקע מלבושים — האָט איר די בריק דערזעען; אויב איר קענט זיך פאָרשטעלן אויגן וואָס קוקן דעם טויט אַנטקעגן און עס שפּיגלט נאָך אָפּ אין זיי אַ הימלישער בלוי פון עקסטאַז — האָט איר די בריק געפו-נען; אויב איר קענט אייך פאָרשטעלן אַ חלוצישע אָדער שומרישע הכשרה, אַ קאָלעקטיוו אין די שרעקלעכע געטאָ-טעג און אויף יינגע ליפּן שפּורן פון שמייכל און אין טריקענע העלדזער שטילע קלאַנגען פון אַ ליד — האָט איר די בריק אַנטפּלעקט; אויב איר קענט אייך פאָרשטעלן יידישע הארט-נעקיקייט, עקשנות, אויסדויער, קאַמף און אויך יידיש טעאַטער, און יידישע פאָרשטעלונגען, און יידיש געזאַנג, יידישע פּאָעזיע אין די מויערן פון געטאָ — האָט איר די בריק אַנטדעקט, די גרויסע און הייליקע בריק וואָס פירט פון צוויי-טויזנט-יאָר גלות צום גרויסן ווידערגעבורט אויף די פעלזיקע בערג פון אייביקן און אומפאַרגעסלעכן ירושלים.

וואָס איז דען דער זין פון ירושלים? זענען מיר דען אַוועק צו אַ ארץ זבת חלב ודבש? האָבן מיר דען געהאַט פאַר די אויגן די שווערע טרויבן-צווייגן וואָס די מרגלים האָבן געמוזט מיט אַ שטעקן טראָגן אַזש אין צווייען? האָבן מיר דען געמיינט אַז אַ ריח פון פעטער פּרודוקטיקייט וועט אונז אַנט-קעגנקומען אויף דער ערד פון ארץ-ישראל?

ישעיהו אוסטרידן

גיין! מיר זענען ארויס פון א חורבן, אדער, בעסער געזאגט, פון א חורבן-גאנג און אריין אין דער ספערע פון א מדבר-האפענונג. נאך געווען איז, ווי אין מצרים אמאל, גענוג ציבעלעס און טעפ פלייש אין אייראפע, נאך געווען איז גענוג אוגערקעס און ברויט צו דער זעט, אבער דער חורבן האט ארויסגעלויערט פון אומעטום מיט פינצטערע אויגן. מען האט געוווסט אז מען מוז אוועק. מען האט געוווסט, (און ווי דער שטייגער איז, נאר איינציקע, געציילטע, האבן עס געוווסט!) אז אזא לעבן מוז סייווי ברענגען צו אומקום. די קנעכטשאפט פון מצרים און די יידישע ווירקלעכקייט פון אייראפע זענען דאך אזוי פאראלעל-רייך. איז אבער געשעען דאס גרויסע אומגליק און אנשטאט זין נאר, וואס זענען געווארפן געווארן אין טייך אריין אמאל, האט מען אנגעפאנגען ווארפן א גאנץ פאלק אין די ארעמס פון שוידערלעכן אומקום. האבן זיך דערנאך געעפנט די אויגן פון גאנצן פאלק און געזעען וואס די מדבר-האפענונג האט מיט זיך פארגעשטעלט נביאישעם און היסטארישעם פארן קיום פון יידישן פאלק.

אבער איידער די אויגן זענען זעעוודיק געווארן איז דער גאנג קיין ירושלים כלל נישט געווען קיין גליקן-גאנג. עס איז געווען נאר די זיכערקייט, אז מען מוז אננעמען דעם גרויסן חלום פאר די פלאטערנדע פליגל, דערשפירן ערגעץ-ווו אין א גליק-מאמענט זיין פוס-טראט, וואס איז אזוי צעשוומען, אומזיכער און פארהימלישט, און אים אראפציען אויף דר'ערד. דאס איז געווען טאקע א טרוימערישע אויפגאבע וואס קיין „געזונטע” קעפ האבן עס נישט געקענט באגרייפן. נאר גיי ווייס ווער עס זעט די ווירקלעכקייט בעסער: צי דער יעניקער ווירקלעכקייטס-זוכער פון יידישן טאפ-פלייש אין גלות אדער גאר דער טרוימען-פאנגער אויף די נאקעטע פעלזן פון דער צען-מאל-חרוב-געווארענער און קיינמאל-נישט-פארגעסענער ירושלים. גיי ווייס ווער עס האלט די האנט אויפן פולס פון דער יידישער געשיכטע: צי די וועלכע חלומען וועגן א פראיעקציע פון ווארצלדיקע נעכטנס אין דער ליכטיקער צוקונפט אריין, צי די וועלכע היטן אפ נאר דעם דריבנינקן גאנג, דעם גאנג אונטער אלע צעשטערערישע אומשטענדן, דעם גאנג מיט א היינט און אן א היינט, דעם גאנג נאר סתם לשם מענטשלעכן אויסלעבן זיך און גאנג סתם לשם גאנג, — צי גאר די וואס ווילן אויפסניי קנעטן די געשיכטע פון אייביק-גוטן יידישן טייג. געווים, לעבן אליין, איז א גרויסער אידעאל.

אָבער עס גייט דאָך נישט נאָר אין לעבן. ווען מען וואָלט געלאָזט גיין די וועלט נאָר אין ליכט פון זיין אַ גוטער מענטש און לאָזן לעבן אַנדערע נעבן דיין הויז און נעבן דיין גאָרטן, וואָלט אַזאַ צוגאַנג געהאַט זיין פולן זין. אָבער די וועלט איז דאָך אַנדערש. די וועלט איז דאָך אין אונזערע אָפּגעלאָפענע דורות, און זיכער אויך פאַר אַ שיינע פאָר נאָך קומענדע דורות, פאַרטיילט אין גרופּעס וואָס דאַרפן אַלס אַזעלכע אויסקעמפן זייער רעכט אויף לעבן. די פעלקער-גרופּעס, דאָס איז דער גרויסער אידעאַל. די פעלקער-ווירקלעכקייט, דאָס איז דער גרויסער אמת וואָס אַלע אַנערקענען. מוז דאָך אַ גאַנג האָבן אָט דעם ברייטערן זין און טאַקע אָט דעם פולערן אינהאַלט. און ווען דאָס ווערט חלילה פאַרזעען, דאַן זעצט מען אריין אין דער ערד דעם ערשטן רידל אויסצוגראָבן אַ קבר פאַר דער געגעבענער פאָלקס־גרופּע. איז דעריבער דאָ איין אמת, וואָס זאָגט אַז נאָר די וועלכע חלומען, חלומען און טאַקע פאַרווירקלעכן אויך, די פּראָיעקציע פון וואָרצלדיקע נעכטנס אין דער ליכטיקער צוקונפט פון יידישן פאָלק, אַז נאָר די זענען גערעכט, נאָר די האָבן דערזעען און אַנטפּלעקט די גרויסע און הייליקע בריק וועלכע פירט איבער די תהומות פון יידישן אומקום צו די פעלזיקע בערג פון ירושלים, די נאַקעטע בערג פון נגב, די שטיינערדיקע בערג פון גליל און צו די זומפּיקע פעלדער פון עמק יזרעאל און עמק השרון.

גייען מיר טאַקע אַוועק מיט אַ געפיל פון טיפן טרויער און שטיל-דערשיטערדיקן ווייטיק פון לאה גאָלדבערגס „מביתי הישן" און מיר שפּרייזן אַרויף מיט אַ געפיל פון פריידיקער צעטומלטקייט, אומזיכערער חדוה און צערייצטער גליאיקייט אויף די פעלזן פון דער אַלטער, זייער אַלטער, אור-אַלטער ירושלים.

און אַזוי זינגט יהודה קרני, אין זיין פּרעכטיקן קליינעם באַנד לידער „משירי ירושלים" וואָס איז דאָ נישט לאַנג פאַרעמירט געוואָרן אין ארץ-ישראל:

„בלב ירושלים טבלתי מכתבי\
וביחידות שתיתי ומציתי כאבי\
עת התפלשתי חי בבין קברים;\
אני עם כל אשר מגיל גלה ולגיל כמה

י ש ע י ה ו   א ו ס ט ר י - ד ן

וכל הליל נסרתי בגלגל חמה;
אני נס מים בציה ובצמא
ובכי ורן על צחיח הררים".

(„אינם האריץ פון ירושלים האָב איך מיין פעדער געטונקען
און איינזאַם מיין וויטיק געטרונקען און גענאָגט
ווען אַ לעבעדיקער צווישן קברים כ'האָב זיך געוואַלגערט;
איך מיט אַלץ וואָס פון פרייד איז אַוועק און צו פרייד האָט
געגאַרט
און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געזעגט אין ראָד פון דער זון;
כ'בין אַ וואַסער-נס אין דער וויסטעניש און אין דורשט
און געוויין און געזאַנג אויף דער טריקעניש פון בערג").

ס'איז נישט געווען פריילעך דער אַריינפאָר אין ירושלים. נישט אין פרייד זענען מיר געגאַנגען איינגעמען די נייע מעגלעכקייט אויף אַן אבן השתיה פאַר דער יידישער געשיכטע. מען איז געגאַנגען אַמאָל מיט אַ גע-פיל פון אַ לעבעדיקן וואָס וואַלגערט זיך צווישן קברים; מ'איז אַמאָל געזעסן גאַנצע נעכט מיט דער מוראַדיקער אילוזיע-צווייפל און „געזעגט אין ראָד פון דער זון"; מ'איז אויך געגאַנגען אין געוויין און געזאַנג אַרויף אויף די בערג, די וויסטע און טרוקענע בערג, פון ירושלים. ניין! ס'איז נישט גע-ווען אַזוי מזמור'דיק אויפן הארצן!

און דעריבער טאַקע, איז דער איבערגאַנג נישט אַזאַ שרעקלעכער. מען גייט נישט איבער פון טויט צום לעבן און נישט פון וועלקונג צו בליאונג. מיר זענען נאָך היינט צוזאַמענגעבונדן מיט יהודה קרני, ביי זיינע ערשטע טריט אויף די בערג פון ירושלים. עס וועט אונז דעריבער זיין לייכטער מיט אים אַרויפגיין אהינצו און זען מיט אים וואָס דאָס וואָס ער וויל אונז איבער-געבן און אויך פאַרשטיין זיינע געפילן וועלכע רירן היינט אַן אַזוי שאַרף

אין אונזערע געפילן וועלכע זענען באַטויבט און פאַרטרונקען אין חורבן-פּייזאַזשן.

מיר ווילן אָבער אַנטרעפן דעם טיפן געראַנגל מיטן מדבר-פּייזאַזש און אַמאָל אויך די געוואַלדיקע אידענטיפיצירונג מיט דאָס מוראדיקע און גליאיקע טרום, וואָס איז נאָך אפשר אַ טיפערער און שווידערלעכערער געראַנגל. דער „איך" דאַרף אַריינגעצווונגען ווערן אין דער נייער וועלט צו וועלכער ער איז נישט געווען געווינט און כלל נישט גרייט געווען אויפצונעמען און זיך אים אָנאייגענען. און דאָך — מיר שטייען שוין צופוסנס דעם גרויסן, גאָר-גרויסן, צוויי-טויזנט-יאָריקן, חלום. מיר זענען צוגעקומען צום סיני פון וואַנען עס הויבט זיך אָן די גרויסע עליה פון גוף און פון דער נשמה. מיר זענען טאַקע דורכגעגאַנגען אַ שרעקלעכן מדבר, געראַנגלט זיך מיט שונאים, אַזוי פיל אָנגעווווירן אויפן וועג, אַ דור אַ גאַנצער איז אומגעקומען אין מדבר — אָבער מיר שטייען שוין איצט צופוסנס פון חלום.

לאָמיר מיטגיין מיט יהודה קרני אין מעכטיקן גלי פון זיין געפילן. לאָמיר אַריינגיין אין די אָפענע בערגיקע טויערן פון ירושלים, וועלכע האָט אַזוי לאַנג געוואַרט אויף אונז און איצט אונז אויפגענומען אפשר נישט מיט ווײַן און טענץ, אָבער דאָך מיט ברויט און זאַלץ און אויך מיט אַ ליבמיקן, זייער ליבטיקן שמייכל און מיט לויטערע, זייער לויטערע און צוזאָגנדיקע הימלען.

דער פאַרהאַנג פון דער יידישער געשיכטע האָט זיך צוריק אויפגעהויבן איבער די בערג פון יהודה! מיר גייען אַריין אויפסניי אין וווּנדערלאַנד פון יידישער מעכטיקער גייסטיגער צעשטראַלונג און מיר ווילן זיך צו הערן צום נייעם אויפגעוואַכטן, כמעט תנכישן וואָרט, ביי איינעם פון די ערלעכע זינגער, ביי איינעם פון די אור-אור-אייניקלעך פון די זינגער פון ציון און ירושלים.

אין די אָרעמס פון שיר־השירים און חלוצישן גלי.

עס איז דאָ אַמאָל דיכטונג, ווו איר זוכט נישט קיין זין. דער זין איז אין פשוטן „זיין" פון דער דיכטונג. געווען איז אַ גרויסע, זייער גרויסע און טיפע בענקשאַפט אין הארצן פון יעדן יידן, און זי בליט היינט אויף און צינדט זיך אָן אין די לידער פון יהודה קרני. ירושלים! וועלכעס יידיש הארץ ציטערט נישט אויף ביים פליסטער פון דאָס וואָרט. פון די ווייען פון לעצטן קעמפער אויף די מויערן פון ביתר, דורך די הייסע טרערן-און-טויט געזאַנגען פון רבי יהודה הלוי און ביז די לידער פון יהודה קרני גייט דורך איין מעכטיקע בענקשאַפט וואָס רייסט זיך דורך מיט אַ משונהדיקער בלוי-קייט דורך אַלע וואָלקנס פון יידישן אומעט און צער.

איר עפנט אויף דאָס קליין ביבעלע לידער, און אַ קלינגענדיקער עכאָ פון שיר-השירים-געזאַנגען גיט אייך אַ גיי אַרויף אַנטקעגן רוישיק, צימ-בעלדיק, בתופים ובמחולות. איר ווערט פאַרטומלט פון גרויסן גליק. שיר-השירים-קלאַנגען אין אונזערע פינצטערע און האָפנונגסלאָזע אָוונטן! גרוי-סע טעג זענען זיכער אָנגעקומען ביים שוועל פון יידישן פאָלק, אַז זיינע זין האָבן שיר-השירים'דיק אויפגענומען די אַלטע, אור-אַלטע ירושלים. און עס דאַכט זיך אויס, ווי די לידער אַליין בישופן אויס דאָס גרויסע וווּנדער פון צוריקקערן און צוריקבערענגען ירושלים די „עדנה" פון די אַמאָליקע, מיידלשע און בליענדע צייטן. ירושלים באַנייט זיך! ירושלים בליט אויף צוריק דורכן מדבר'דיקן פייזאַזש, דורכן שטיינערדיקן באָדן, דורכן זאַמ-דיקן און פאַרברענטן באָדן, און רייסט זיך דורך מיט אַ פרוכטיקן בליק און צינדט אָן אויפסניי דעם פאַקל פון אמונה אין הארצן.

דעם זין פון וווּנדער? מיר דאַרפן נישט אַרויסגיין איבער מוטנע יידי-שע וועגן אים זוכן. ער איז אין עצם קיום פון יעדן יידן, אין עצם געפּלים-טער פון דורות תפילות און בענקשאַפטן צו דערלעבן די הייליקע מינוט

פון „ותחזינה עינינו...״ דער זין פון וואנדער? אין עצם וואָרט, אין עצם ליד, אין עצם געזאַנג וואָס שטראַלט אַרויס פון יעדער שורה און וואָס גיסט אויס אַ מעכטיקן קוואַל פון געפילן וועלכע זענען געווען דורות-לאַנג באַל-זאַמירט, און איצט זענען זיי אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין פון יידישן פירמאַמענט. פאַרוואָס אַזוי פיל גליק אין יעדער שורה פון יהודה קרני? ווייל ס׳איז אַ גליק פון אַ צוויי-טויזנט-יאָריקער בענקשאַפט, וואָס ער האָט זוכה געווען צו דערלעבן און זעען איר ערשטע פאַרווירקלעכונג, דעם ערשטן צוזאַמענטרעף פון יידישע דורות מיט דער אור-אַלטער מאַמע-ירושלים.

„בית הבחירה,
הכלילה,
שהיית עמי בשירה
ובתפלה
ובנדודים
על פני מדבר הציות —
אנו באים מחוז היעודים,
בית־אוסף הכמיות.
עמנו לואט
אלוהינו, המכנסנו אל צלו
של אוהל מועד,
אשר בשלה.
בגדנו בלה והמנעל
הותר משרוכיו,
אך על שמי הגורל
דרך הכוכב״.

„ה א ר י ז א נ ט ן“

(„אויסדערוויילטע,

דו שלמות׳דיקע,

וואס ביסט מיר געווען אין געזאנג

און אין תפילה

און אין די וואגלענישן

איבער דער טריקעניש פון די וויסטעניש —

מיר קומען אן צום קרייז פון באשטימונגען

צום זאמל־פונקט פון אלע בענקשאפטן.

מיט אונז נאך פליסטערט שטיל

אונזער גאט, וואס פארנעמט אונז אין שאטן

פון אוהל מועד,

וואס אין שלה.

אונזערע קליידער זענען אפגעקראכן און דער שוך

מיט אויפגעפראלטן לאץ —

אבער אויף די גורל־הימלען

איז א שטערן אויפגעגאנגען“).

און אזוי האט זיך אנטפלעקט ירושלים. אין א „וואונדער־שעה“ האט ארויסגעשיינט צו אונז ירושלים“.

און וואונדער פון שיר־השירים צעשפילן זיך אין זאפטיקן פערז פון דיכ־טער, און אויך ער באשווערט די טעכטער פון ירושלים וועלכע זוכן „אים“ אין קרמוניות׳דיקן טראט ״מיט די שאף פון טאטן״. דאס וואונדער וויקלט זיך פאנאנדער און דערגייט צו פלאים׳דיקע הויכן.

ישעיהו אוסטרייך

„ואם מת הוא והעליתן אותו מכובו,
ושטחתן לעיני השמש עצמיו,
אולי תפרח רוחו
מריח שמישו ותבלת שמיו,
ומנשיקות פיכן
ערב, בקר וצהרים;
השבעתיכן,
בנות ירושלים".

(„און אויב ער איז געשטאָרבן, זאָלט איר אים ארויפציען פון קבר,
און אויסשפרייטן אויף דער זון זיינע ביינער,
אפשר וועט אויפקומען ס'לעבן
דורך זונען־פערפום און הימל־בלוי,
און מיט קושן פון אייערע ליפּן
פאַרנאַכט, אינדערפרי און בייטאָג;
איך באַשווער אייך,
טעכטער פון ירושלים").

און ווען דאָס כישופדיקע גיט זיך א טראָג אראָפּ פון ערשטן עקסטאַז אנטקעגן דער אויפקומענדער זון און טיפן הימל־בלוי פון ירושלים, אנט־פּלעקט פאַר אונז דער דיכטער מיט א פיל רעאַלערן בליק, א בילד פון איי־נע פון די טעכטער פון ירושלים.

„שלי נעליך, אף גרביך משי,
עולת ירושלים,

„ה א ר י ז א נ ט ן"

פה עפרות קדשך, אדמת אבניך
עם התנים תחת השמים.

גוזי תלתליך
פן יאכלם אָבק אַרצך היוקדת.
את קדושה, את נזירה,
משנכנסת למולדת.

רגליך, רחצו בחלב
וסוך בתמרוקים —
עכשו רוחצות בדמן מהפצען
בחרבות צוקים.

אצבעותיך
הענוגות,
נטפו בושם — עכשו מחטטות בטרשים
לחיות ערוגות.

ופרשת מאהביך
ששרו לך שיר השירים, — בפטישים
ומעדרים עוזרים על ידך
ומהרישים".

ישעיהו אוסטרידן

(„טו אוים דיין שוך, און זיידענעם זאָק,
דו, אַרויפגייערין קיין ירושלים.
דאָ איז דיין הייליקע ערד, דיין שטיינעריק ערד
מיט שאַקאַלן אונטערן הימל.

שער אָפּ דיינע לאָקן
ווייל פאַרצוקן ט'זיי דער שטויב פון דיין גליאיק לאַנד.
ביסט א הייליקע, ביסט א נזירה,
פון ווען אָנגעקומען ביסט אין פאָטערלאַנד.

דיינע פּיס, וואָס געוואַשן אין מילך
און מיט שמעקעוודיקע איילן געצערטלט —
איצט וואַשן זיי מיט זייער בלוט ווייל פאַרוואונדעט
אין שווערד-שאַרפע פעלזן.

דיינע פינגער
די איידעלע,
פּערפומען-טריפנדע — איצט גראָבן זיי שטיינערדיקן באָדן
זאַגאַנעם אויפצולעבן.

און דיינע ריטער די ליבהאָבער
וואָס געזינגען דיר האָבן שיר השירים, — מיט האַמערס
און רידלס העלפן דיר צו
און שווייגן").

„האָריזאָנטן"

דאָס איז שוין אַן אַנדער טאָכטער פון ירושלים. ס'איז שוין נישט די פערפומען-געזאַלבטע קדמוניות'דיקע טאָכטער פון ירושלים, וואָס לויפט אַרום גליאיק און פלאַטערנד איבער די גאַסן פון דער קעניגלעכער ירושלים זוכנדיק איר געליבטן. זיי האָבן זיך געביטן די טעכטער פון ירושלים און אַנדערע, גאָר אַנדערע, זענען די ליבהאָבער זייערע. אויסגעזונגען האָבן זיך פון יענע צייטן ביז היינט די שיר־השירימס; און אויך די שיר-השירים'דיקע טרוימען פון די קליינע שטעטלעך זענען אַנטשוויגן געוואָרן אַנטקעגן דעם אימה'דיקן מדבר פון פאָטערלאַנד. אַ שטיקנדע פויסט האָט זיי פאַרקלעמט ס'האַרץ און פון די יינגע בחורים און מיידלעך זענען אויסגעוואַקסן פאַרמאַזאַליעטע גייסטער, פאַרזשמורעטע בליקן און אַ עקשנות'דיק, פילזאָגנדיק, שווייגן וואָס לאָזט איבער דעם נעכטן אין די אָרעמס פון נישט אויסגעלעבטע יוגנט-חלומות און האָבן מקדש־געווען אויף אייביק דעם האַמער און פאַרפויסט אויף אייביק דעם רידל.

די טאָכטער פון ירושלים הערט נישט מער שיר-השירים געזאַנגען אין שטילע נעכט פון שימערירנדיקן אומעט. אַ טיף שווייגן האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויף אַלץ אַרום. ס'איז געקומען אַ גרויסע שעה, די שעה פון יצירה. זי האָט אַנדערע געזאַנגען, אַנדערע מזמורים פאַר אירע זין און טעכטער. פון אַזאַ שווייגן הערט מען אַרויס דעם „וכל עצמותי תאמרנה שירה..." ס'איז אַ גרויסע שעה און אַ הייליקע שעה. נישטאָ קיין צייט פאַר אינדיווידועלן גלי. עס איז געקומען אַן אַנדער צייט פאַר ירושלים. עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער טאָג אין ירושלים. די זין און טעכטער האָבן זיך געפונען ביים שוועל פון דער שווערטראָגיקער פאַרווירקלעכונג. עס איז געקומען אַ צייט, ווען כלל ישראל האַלט אייך אַן אָטעם, שאַרף, פויסטיק און לאָזט נישט אָפּ אויף קיין רגע. דער חלוצישער גלי איז אין אייערע ביינער, ער איז שטאַרקער פון אייער ווילן, ער איז רייפער ווי אייער „איך". און אין געפּליסטער פון אַלטע לעגענדעס, אין עכאָ-געמורמל פון אַלטע שיר-השירים-דיקע קלאַנגען צעגייט זיך פון דער עקשנות'דיקער שווייגעוודיקייט פון די חלוצים אַ וויבּרירנדע טרייסט פאַר דורות יידישע מענער און פרויען. דער האַמער קלאַפּט, דער רידל גראָבט — דער בנין פון יידישן מאָרגן גייט אויף, וואַקסט און וואַקסט, הויבט זיך און הויבט זיך.

פון דער טיפער אַנטשוויגנקייט פון די ריטער און געוועזענע ליבהאָ-

ישעיהו אוסטרי־דן

בער קוועלט שוין אויף אַ טיפער ברום פון נצחון איבער די פעלזן פון דער באַנייטער ירושלים. מאָרגן וועט אויפסניי זיך צעגיסן איבער אַלע פעלזן פון ירושלים און אַלע בערג־שפּיצן פון יהודה דער נייער המשך פון שיר־השירים. די טעכטער פון ירושלים און זייערע ריטער האָבן אויפסניי אָנגע־קניפּט דעם פאָדעם פון דורות און אָנגעזאָגט דער אַלטנייער מאַמע ירושלים: מיר זענען דאָ!

אין אַ תפלה־זכה צו ירושלים.

איך קענט נישט שניידן דעם דיכטערס געפילן. וואָס מיר קענען יאָ, איז מיטזינגען מיט אים, פאַרטיפן זיך מיט אים אין אויפברויז פון גליק וואָס ער באַשאַפט פאַר אונז. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי אַז מ'קען מיט אַ שאַרפן און קאַלטן מעסער צומעסטן דעם ריטם, צושניידן דעם פערז און „פאַרשטיין" דאָס ליד. ווער קען דען פאַרשטיין געפילן? דאָס איז נאָר אַן איינרעדעניש פון קריטיקער, וועלכע האָבן איינגערעדט אויך אַ וועלט לעזער, אַז זיי זענען עס די, וועלכע זעצן אַוועק אויף דעם אָדער יענעם פיעדעסטאַל די פאַרשידענע דיכטער און שרייבער אין דער גראַדואַציע פון הויכן שאַפונגס-אָלימפּ.

דער אמת איז פיל פשוטער. דיכטונג דאַרף מען פילן. ווען אימעצער האָט אָפּגעפילט דאָס געזונגענע, האָט ער עס פאַרשטאַנען. כ'וואָלט געזאָגט, אַז דער איינער האָט מיטגעמאַכט אַ פיל טיפערן פראָצעס ווי נאָר דעם פון „פאַרשטיין". דער וואָס האָט אָפּגעפילט אַ ליד, אָדער אַ פערז, האָט עס גלייכצייטיק מיטגעלעבט. מיט דער איבערלעבונג, איז ער אריין אין גן-עדן התחתון פון דער יצירה. און זאָל מען נישט זאָגן, אַז דאָס זענען ווערטער נאָר. וויפיל יידן, — די וועלכע וויסן וואָס זיי דאַווענען, די וועלכע פאַרשטייען תהלים, די וועלכע קענען עברית צו באַגרייפן די פלאַימ'דיקע שורות פון שיר-השירים, — וויפיל פון די יידן, און דאָס זענען דאָך שווערע מיליאָנען יידן דורך אַלע דורות פון אונזער געשיכטע, האָבן מיטגעמאַכט די גן־עדן־התחתון פראַכט פון מיטלעבן די וווּנדער פון אַ גרויסער און זייער נשמה'דיקער יצירה? און ווער ווייס, אפשר ווייל יידן האָבן אַזוי פיל דיכטונג איבערגעלעבט זענען זיי אַזוי פאַרפיינערט געוואָרן אין

ישעיהו אוסטרי-דן

לויף פון דורות, מער פאר׳ספר׳ט, מער פאר׳תהלימ׳ט און מער פאר׳חומש׳ט געווארן? און ווער קען מעסטן און זאגן, וויפיל קראפט און אויסדויער האט בייגעשטייערט די יצירה, די פרעכטיקע אחרית-הימים שורות פון ישעיהו הנביא, די מעכטיקע גערעכטיקייט-אידעאלן פון עמוס הנביא און די שווער-גלאקיקע פערזן פון ירמיהו׳ס „איכה״, פארן קיום פון יידישן פאלק?

דעריבער טאקע גייען מיר נישט אוועק אין טראט פון דער אנגענו-מענער קריטיק. פאעזיע שניידט מען נישט צו מיט קאלטער לאגיק און שטייפער אנאליזע. יעדער געביט מיט זיין מאס, ווי יעדע שול און איר קדושה. דיכטונג מוז מען אויספילן, אויסזינגען, אויסטרויערן, אויסגלעטן מיט לייכטער האנט, אדער אויסקריצן מיט גליאיקע צײנער, — אבער מען קען זי נישט אנאליזירן מיט קאלטער לאגיק!

אנו פרווט, נעמט אן יענעם מעסטער פאר די פאלגנדע שורות:

„מאין עוזר וגואל ומסוכך
אם לא ממך, ירושלים
ואי דרך קצרה וקרובה מזו שמתוכך
לשמים?״

(„פונוואנען א הילף, א גואל, א שוץ
אויב נישט פון דיר, ירושלים,
און ווי איז א קורצערער און נענטערער וועג ווי דער פון דיר
צום הימל?״)

דאס איז גרינג צו פילן, כ׳וואלט געזאגט, זעלבסטפארשטענדלעך אפ-צופילן. עס שטייט ־באך א ייד, אן אור-אייניקל פון יענע גרויסע ווארט-זאגער און זינגער, פאר די טויערן פון ירושלים, אויף די בערג פון יהודה, ווי קען ער דען אנדערש רעדן. ווי קען ער דען אנדערש פילן. און פון דאנען דארף מען ציען, אויב נישט קיין קל וחומר, איז לכל הפחות א פארשטענ-דיקן פאראלעל פאר אלע דערשיינונגען פון דיכטונג, פאר אלע פארמען

פון דיכטונג, אפילו פאַר דער דיכטונג וואָס פּרעטענדירט צו זיין נאָר אַ פילאָזאָפישע דיכטונג און קלאָר פאַרצייכענען, אַז מ׳קען נישט דאָ, אַז ס׳איז בכלל נישט שייך דאָ אַנאַליזירן. דאָ דאַרף דינען איין כּלל: דער כּלל פון מיטפילן, און מיטפילן ביז דער מדרגה אַוו דאָס מיטפילן ווערט אַן איבערלעבונג.

לאָמיר דעריבער אָנקניפּן דעם... געפיל. דער דיכטער שטייט פאַר דער דערשיינונג פון ירושלים אין דער זעלבער הייליקער עקסטאַז ווי זיין טאַטע אָדער זיידע האָט עס געטאָן אין בית-הכנסת אין קליין מזרח-אייראָפּעאיש שטעטל. ווען מען רעדט זיך אַמאָל איין, אַז אין יענע שטעטלעך איז געווען אַנדערש, אַנדערש די תפלות, פאַרשידן די געפילן איז עס נישט תמיד ריכטיק. עס ווענדט זיך מיט וואָס און מיט וועמען מען פאַרגלייכט יענעווירקלעכקייט. ציט מען דעם פּאַראַלעל ביז די אַמעריקעס, איז געווים דאָ זייער פיל אמת אין דער פעסטשטעלונג. אָבער קומט מען צו, צו די ברעגן פון ארץ-ישראל, שטייט מען שוין ביים ראַנד פון דער נייער, אַלטנייער וואָלט איך געזאָגט, העברעאישער יצירה, דאַן פאַרשטייט מען ווי שטאַרק איז די בריק וואָס פירט פון יענעם אָרט פילן און דענקען פון מזרח-אייראָפּע, ווי מעכטיק עס איז דער פאַרבאַנד צווישן דער אייביקער יידישקייט פון אַלע צייטן, דורך מזרח-אייראָפּע, ביז דאָס באַנייטע ארץ-ישראל. ס׳האַרץ גייט אויס אין טיפער בענקשאַפט. די נשמה ציטערט ביים שיין פון לעגענדאַרישן און דאָך דאַאיקן ירושלים. אָט זענען די הימלען פון ירושלים איבער דיין קאָפּ. אָט זענען די פעלזן פון ירושלים דיך צופוסנס. עס דאַכט זיך דאָך, ווי די ערד וואָלט געלעבט און געאָטעמט אונטער דיינע פיס, און דו פילסט פלוצים ווי אַ טיפער ווייטיק וואָלט אַדורך אַלע דיינע ביינער ווייל דו טרעטסט אַ לעבעדיקן און הייליקן גוף.

„מתחתי אין צל, ומלמעלה אין ענגה,\
ואין בודלת ביני ובין שחקיך,\
ונפשי עולה שמימה בתפלה ורננה\
עם תימרות אבקיך“...

(„אונטער מיר מיין שאָטן, און פון אויבן קיין וואָלקן,

ישעיהו אוסטרי־דאן

און ס'טיילט נישט צווישן מיר און דיינע הימלען,
און מיט תפלה און געזאנג ציט מיין נשמה צום הימל
אין די קנוילן פון דיינע שטויבן").

דאָ ליגט דאָס וואונדער פון געזאנג, דאָ ליגט דאָס וואונדער פון ארץ־ישראל'דיקן אויפבוי ווערק. דאָ געפינען מיר דעם טיפן זין פון זיך מקריב־זיין. ווען א זון פון א פאָלק קען זען זיין ערד פילפאַרביק דורך א פענצ־טער פון קנוילן שטויב. ווען א נשמה פון א מענטש קען גיין צו א הימל־פראכט וואָס ער זעט זי קוים ווייל פארשטעלט פון קנוילן שטויב, ווען א זין קען זינגען צו די הימלען פון זיין פאָטערלאנד, אז ס'טיילט אים גאָר־נישט פון די הימלען וואָס איבער זיין קאָפּ, נישט שטויב, און נישט שאָטן, און נישט וואָלקן — האָבן מיר פאר זיך דעם פולן זין פון ריינער ליבע, פון טיפער, זינגעדיקער ליבע פאר דאָס לאנד, פארן אייגענעם פאָלקס־איך, פארן אייגענעם היינט און פארן אזוי לאנג, זייער לאנג, אויסגעבענקטן מאָרגן.

דער דיכטער שטייט אויפן הר הצופים. ער זעט ירושלים. ער זעט א וואונדער, ממש נישט צום באגרייפן. אָבער ער זעט ס'וואונדער און באשרייבט עס אין דער קלאָרסטער אומפארשטענדלעכקייט:

„ראיתי את ירושלים מעל הר הצופים
והיא שלמה וכלולה,
קטנה, אך אין לה סופים,
ומתכנסת ואינה מתכנסת בגבולה".

(„כ'האָב געזען ירושלים פון הר הצופים
און זי איז שלמות'דיק און גאנציק,
קליין, אָבער האָט קיין סוף נישט,
פארנעמט זיך יאָ און נישט אין אירע גרענעצן").

„האריזאנטן"

און פונדערווייטנס פראווען כהונה די בערג פון יהודה דורכגעווייקט מיט ברכה-געדאנקען און פערפומירט מיט קטורת-ריחות און א טיפע שטילקייט הערשט ארום.

„ועל הגבעות והגממות
עוד לוחשות נחלים,
וכאילו המוגמר מתגמר שם, בין השממות
מהבהוב גחלי שמש על מחתות הצללים.

ותהי לי כל ירושלים
כגחלת אחת, הנשמרת
על המזבח, ובאו והטיבוה במלקחים,
ולקחו ממנה רצפה כל לאום וכל משמרת".

(„און אויף די בערגלעך און גריבער
נאך צאנקען ברענענדיקע קוילן,
און ווי דאס יצוין געענדיקטע וואלט זיך נאך פארענדיקט העט-ווייט אין דער וויסטעניש
פון דער צאנקעריי פון זונען-קוילן אויף די שאטנס-פאנען.

און גאנץ ירושלים איז פאר מיר געווארן
ווי איין קויל נאר, וואס ווערט אפגעהיט
אויפן מזבח, און מען קומט און האלט איר אונטער מיט צוואנגען,
און יעדעס פאלק נעמט פאר זיך עטוואס פון איר פייער").

דא איז ירושלים אוועקגעשטעלט אין דער לעגענדארער פראכט פון

א וועלט-צענטער און א וועלט-הארץ, זי איז ווי א הייליקע קויל אויפן מזבח, פונוואנען אלע פעלקער קומען גניסן א ביסל נשמה-יתרה. דער זון פון פאלק, וואס האט געוויזן א לעבנס-וועג פאר אלע פעלקער פון דער וועלט, קען נישט פארגעסן די הייליקייט פון דער שטאט, אווו עס קאנצענטרירן זיך אמונות פון דער גאנצער מענטשהייט. עס איז נישט קיין שטאלץ וואס שפרודלט ארויס פון די שורות. עס איז אויך נישט קיין פעסטשטעלונג. עס איז אן אויסדרוק פון אויפנעמען א ווירקלעכקייט ווי דער פויער נעמט אויף די ווירקלעכקייט פון נאכגיין נאכן אקעראייזן, פון זריעה און פון שניט. ער טוט עס נישט ווי א פליכט און אויך נישט ווי א מיסיע. ער טוט עס פשוט, שלמות'דיק, אן דעם געפיל אז ער איז דער שפייזער פון דער וועלט. אזוי איז אויך די דערקלערונג אין געזאנג פון יהודה קרני. עס קומט אויס, ווי עס וואלט גאר אנדערש נישט געקענט זיין. נאר ירושלים קען זיין דער וועלט-מזבח. נאר ירושלים קען אנהאלטן דעם הייליקן פייער פון וועלכן עס וועלן קומען נעמען, ווידעראמאל און נאכאמאל, אלע פעלקער, צו ברעקלעך קוילן, צו דערווארעמען זייערע וואכעדיקע געמיטער.

די שטימונג וואס יהודה קרני פירט אריין אין דעם ליד איז אן אויסערגעוויינלעך געלונגענע און געהויבענע. איר האט דא א פולע גאמע פון בית-המקדש כלים, ווי יעדער ייד קען עס פון חומש. איר האט דא די „מחתות", דעם „מזבח", די „מלקחים" און די „רצפה". די בילדערישקייט איז א פולקאמע. יהודה קרני איז דא דערגאנגען צו דאס שלמות'דיקסטע אין פייזאזש און פארגליך. די קונסט פון דיכטער באשטייט דאך טאקע אין דעם, נעמען א ווירקלעכקייט און איר אריינפאסן אין א עקזיסטירנדן, אדער אין א שוין דורכגעלעבטן פייזאזש, און אזוי ארום ארויסבאקומען דעם שטארקסטן ציטער אין הארצן. דער פייזאזש דארף נאך אויך זיין א טייערער, א ליבער, אן אויסגעבענקטער, א הייליקער, א באגערטער, און דאן באקומט דער דיכטער דעם געלונגענסטן און טייערסטן עפעקט. דאס האט טאקע דערגרייכט יהודה קרני. פארגלייכן ירושלים ווי א מזבח און דערצו צוגעבן דעם פולן רעקוויזיט פון מזבח און די גאנצע גאמע פון באקאנטע און געהייליקטע אויסדרוקן פון חומש, שאפט א ווונדערבארן געפיל ביים לייענען די שילדערונג פון ירושלים. מיר זענען שטיל

דערשיטערט פון דער פראכט וואס דער דיכטער אנטוויקלט פאר אונז. ס'איז א פראכט פון א פארגאנגענהייט וואס איז אזוי שטיל, אבער מעכ־טיק, אריינגעפלאכטן אין דער היינטיקייט פון ירושלים. איר שפירט,ביים לייענען די שורות, ווי עס וואלט זיך גאר קיינמאל גארנישט איבער־געריסן צווישן אייך און ירושלים פון יענע קדמוניות'דיקע טעג ביז היינט. איז אייך גוט אזוי מיט דעם געפיל. איר ווערט אליין עפעס ווי דערגענצט. ווי זאגט עס טאקע יהודה קרני: „און ווי דאס שוין געענדיקטע וואלט זיך נאך פארענדיקט" אין אייך. עס קוועלט אויף אין אייער אינגעווייד, און אין אייער הארץ און איר זענט אליין באצויבערט פון דער קראפט וואס ירושלים האט נאך און ווירקט נאך אלץ אויס אויף אייך. געמיינט האט איר נאר, אז ערגעץ־ווו אין תפלות פון טאטעס איז עס געווען אזא טיפע איבערלעבונג, און דא, מיט איינמאל, געפינט איר זיך אליין ארומגעהילט אין א קטורת־מאנטל פון געפילן, און איר שפירט ממש, ווי די אמאליקע געווירצן פון בית־המקדש דערגייען צו אייערע אלפאטיווע ארגאנען און א טיפער געזאנג נעמט ארום אלע אייערע אברים און איר ווערט גליקלעך, אזוי שטיל דערשיטערנד גליקלעך. נאך אלץ לעבט אין אונז ירושלים אין טיפן ציטער און אין גרויסער הייליקייט... מיר האבן דאך טאקע יא אי־בערגענומען די ירושה פון די טאטעס... און עס איז אזוי גוט מיט דעם געפיל אז די ירושה פון די טאטעס איז נישט פארלוירן געגאנגען...

אלע לידער פון יהודה קרני זענען אן אויסגוס פון ליבע, פון אי־בערגעגעבנקייט ביז אזא מאס, וואס טרייבט אים אריין מיטן גרעסטן גליק אפילו ביזן קעניגרייך פון קנעכטשאפט־געפיל. דאס איז שוין דער סימן מובהק פון אמתער און ריינער ליבע. מען איז גרייט צו גיין אפילו אויף שייטערהויפנס פאר דער געליבטער. יהודה קרני זינגט צו ירושלים מיט א ביסל שטאלץ, ער פרעטענדירט צו זיין אויך א איידל־שטיין אין איר קרוין, אבער דאס איז נאר א מינוטיק פארגעסן זיך. כ'וואלט געזאגט, אז ער מיינט גאר נישט, אין דעם אויסדרוק זיך אליין, ווי ער מיינט, אז אפשר וועט ער האבן די מעגלעכקייט מיט עפעס גאר צוצוגעבן צו דער פראכט פון ירושלים, באלד דערנאך באווייזט ער עס קלאר, אז ער מיינט נאר ירושלים. אט וואס מיר לייענען:

ישעיהו אוסטרי־דן

„שבציני, ירושלים, בין עמך, עם יתרך
ואעבדה לך כל הימים.
והתגון בתוך מלאת כתרך
עוד אחד השהמים.

צויני, ירושלים, ומלאתי כל שליחות באמונה,
משבתי בתוכך, או על סף שערך,
ואם טרמני מי שהוא לכהונה —
אשרתך כעבדך ונערך״.

(„פאס מיך אריין, ירושלים, צווישן דיין אויסדערוויילט פאָלק
און דינען וועל איך דיר מיינע גאַנצע יאָרן,
און לאָמיר פינקלען אין דיין קרוין
ווי נאָך אַן איידלשטיין.

באַפעל, ירושלים, און טריי וועל איך יעדע שליחות דערפילן,
צי זיצנדיק אין דיר, אָדער אויפן שוועל פון דיין טויער,
און אויב נישט באַשטימט כ׳בין דיר זיין אַ כהן —
לאָמיך דיר דינען ווי אַ ייִנגל און אַ קנעכט״).

געוויס, איז נישט אַלץ איידלשטיינער אין די פערזן פון יהודה קרני, אַט גיי איך דורך מיט דער האַנט אויף די אויגן איבער די שוואַכע, נישט באַהויכטע און כמעט געפילן־לײדיקע צוויי לידער „השלוח״ און „קובות ירושלים״, נישט שטענדיק איז דער דיכטער באַהויכט מיט נשמה יתרה׳די־קייט, און ווען עס מאַכן זיך די ליידיקע שעה׳ן אין דער נשמה פון שעפער,

„האריזאנטן“

איז בעסער אין אזא צייט צו שווייגן. אָבער נישט שטענדיק קען מען מעסטן רעב געטלעכן געפלאטער פון די יצירה-פליגל איבערן קאָפּ. אַמאָל נאַרט אייך אויך דער יצירה-אָטעם. ס'דאכט זיך אייך, ווי אַלץ איז אין בעסטער אָרד-נונג, אָבער ס'קומט דאָך נישט ארויס דאָס וואָס איר האָט געוואָלט באַ-שרייבן און נישט דאָס וואָס איר האָט געוואָלט איבערגעבן פון אייערע גע-פילן. און נישט שטענדיק לאָזט זיך עס שווייגן לעת כזאת. שרייבט מען. קומט ארויס אַ פּנימה'דיקע יצירה. אָבער מיר מעסטן דאָך נישט דעם דיכ-טער מיט זיינע פּנימה-לידער נאָר מיט דער צאָל שלמות'דיקע געזאַנגען וואָס ער האָט אונז געגעבן. גיי איך טאָקע גיך דורך די צוויי פריער דערמאָנ-טע לידער און קום צום ליד „במערה ירמיהו“. לאָמיר אים איבערלייענען איינגאַנצן:

„והנה מערת
הקובות
אשר לירמיהו.
מקרת
הקירות הרטובות
עצמותי בי רחפו ורהו.

ומדודים
אז היו מצעדי,
וקצובות
נשימותי, אך הדי הכתלים המרודים
ענוני על פהדי
עצובות.

ישעיהו אוסטרייד

ונטפים עכורים
ודלוחים
השירה התקרה אל קרקע המערה.
הקשבתי בנפילה של דמעי תמרורים
השפוכים
בהלקח ירמיהו חצר המטרה.

נגשתי אל קובת הבור המשחירה,
ובטרם לרדת
בה חרש —
יד ערביה
מגוידת
תבעה בי גרש".

(„און אָט איז דער קעלער
אין קופּאָלן
פון ירמיהו.
פון דער קעלט
אויף די נאַסע ווענט
האָבן מיינע ביינער געציטערט אין שרעק.

און געמאָסטן
זענען דאַן מיינע טריט געוואָרן,
און גערעגלט

„האריזאנטן“

מיין אָטעם, אָבער די עבאָס פון די אומגליקלעכע ווענט
האָבן אויף מיין אימה געענטפערט
מיט טרויער.

און מוטנע טראָפּנס
אומריינע
האָט דער קעלער־סופיט צום דיל געטריפט.
אין פאַלן דערהערט כ׳האָב די ביטערע טרערן
וואָס זענען פאַרגאָסן געוואָרן
ווען אין טורמע ירמיהו איז גענומען געוואָרן.

כ׳בין צו דער שווארצער קאָפּולע פון גרוב צוגעגאנגען
און איידער כ׳בין שטיל
אין איר אַראָפּ —
האָט אַ האַנט פון אַן אראבערין
אַ באַאָדערטע
געמאָנט ביי מיר אַ גראָשן“).

דער ליד נעמט אייך דורך מיט זיין פּשטות, מיט דער דערהויבנקייט פון דער מינוט אין וועלכער דער דיכטער האָט נאָך די גרויסע קראַפט, דורך אַ דיסטאַנץ פון צוויי־טויזנט־פינף־הונדערט יאָר, צו הערן אַ ביטערן געוויין איבער ירמיהו׳ן, וועלכער איז גענומען געוואָרן אין חצר־המטרה. אָבער די גאַנצע טראַגיק פון אונזער צייט, פון אונזער לעבן, פון אונזער געשיכטע, ווערט געשילדערט אין דער לעצטער טייל פון ליד. די אראבערין ביי די טויערן פון ירמיהו׳ס קבר, שטייט אַ סימבאָל? געוויס, אַ סימבאָל, אָבער

אַזאַ משונה׳דיקער. מיר זענען געווען געווינט צום סימבאָל פון דעם טיטוס-
טויער וואָס אין רוים. אין מאַכט און אויפגעריסענעם שטאָלץ דערציילט
מען דאָרט וועגן אונזער מפּלה. מיר זענען געווינט צום אַמאָר-מעטשעט
וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אויף דער הייליקער ערד פון בית-המקדש און
ווי אָנגעזאָגט דער וועלט און דאָס יידיש פאָלק, אַז דער הר-ציון איז גע-
וואָרן דער הר-ערב. אָבער אַז אַ סימבאָל פון נידעריקייט, אָרעמקייט, גע-
פאַלנקייט, זאָל שטיין מיט אַן אויסגעשטרעקטער נדבה-האַנט פאַר דער טיר
וואָס פירט צום קבר פון ירמיהו, דאָס איז אפשר דאָס טרויעריקסטע וואָס
דער שר פון דער יידישער געשיכטע האָט צוגעגרייט די צוריקקומענדע זין
פון ישראל. כ׳זאָג: דאָס טרויעריקסטע, אָבער נישט דאָס טראַגישסטע. ווייט
דערפון. די אַראַבערין איז מער אַן אָנדייט פון דעראָבערערס אָפּהענטיקייט,
— ווי אַ באַליידיקונג פאַר אונזערע הייליקסטע געפילן. אַ פרעמדן
אביון וועט זייער גרינג זיין צו באַזייטיקן פון דער ירמיהו-ווירקלעכקייט.
אָבער וואָס עס איז יאָ דערשיטערנד איז דאָס, אַז מיר האָבן אַזוי לאַנג זיך
פאַרטריבן אין גלות, בעסער געזאָגט, אַזוי טיף זיך פאַרטונקען אין גלות,
אַז דער אַראַבער האָט צייט געהאַט זיך צו פאַרהייליקן אַ סך פון אונזערע
הייליקטימער — און ס׳האָט קיינעם פון אונז נישט געאַרט; מיר זענען גע-
ווען ווייט, העט-ווייט, און פאַרטאָן אין אויפבויען די יידישע גלות-מויערן
אויפן ווילד-זאַמדיקן באָדן פון יידישער פאַרשפּרייטונג. מויערן זענען אויפ-
געריכט געוואָרן, און נאָכנישט געהאַט קיין צייט איבער זיי אַ יום-טוב צו
פייערן, און גלייך זענען זיי צעשטערט געוואָרן. האָט מען איינגעגראָבן די
שטרויסן־קעפּ אין זאַמד און אויפסניי זיך גענומען צום בויען. און דערווייל,
אין דעם לאַנגן, צוויי-טויזנט-יאָריקן דערווייל, האָבן זיך ארומגעוואַלגערט
די עבאָס פון אונזערע גייסטער אָן אַנשפּאַר און אָן אַנהאַלט, ביז וואַנען
דער פרעמדער אויער האָט זיי דערהערט, און דערווייל, בינו לבינו, די בעט-
לערין דאָרט אײַנגעזעצט.

ירמיהו אונטערן שאָטן פון דער אַראַבישער בעטלערין — דאָס איז אַ
פאַרגלייך וואָס נעמט איך צו די רו. און טאַקע אין דער דערשיטערטער רו
אונזערער ליגט די גרויסקייט און די טיפזיניקייט פון דעם גוטן ליד פון יהו-
דה קרני: „במערת ירמיהו".

אויפן מזבח פון ירושלים.

יהודה קרני'ס ליד שפרודלט און גליט. איר האט דעם געפיל, פון האבן דערשפירט דעם טיפן ברי פון ירושלים אין הארצן. ירושלים איז געווען העט־ווייט און איז ווי אפגעקילט געווארן אין לויף פון די פארצארנטע און פארפרווירענע יידישע דורות. איצט האט איר זיך דערנענטערט מיט קערפער־און־נשמה צו ירושלים. יהודה קרני דעקט אויף פארבארגענע הייליגן אין דער הייליקער ערד און שפריצט ארויס מיט געוואלדיקע פייערן וואס פארהילן די נשמה פון יעדן ייד און צינדן אז דאס מעכטיק געפיל פון נאנטער גורל'דיקייט. א גורל'דיקייט וואס איר קענט עס אנטאפן מיט דער האנט. א גורל'דיקייט וואס איר קענט עס אנגעמען פאר די הערנער און האלטן, האלטן, האלטן. איר זענט דא דערביי מיטן גאנצן יידישן יש. איר זענט אין ירושלים. נאך צוויי טויזנט יאר, האט איר באקומען מיטן נייעם ליד, וואס גליט זיך אוים אויף די בערג פון יהודה און איז די טאלן פון שרון, דאס געפיל, אז ירושלים איז אויפגעשטאנען תחית המתים. איר זענט במעט דערגאנגען צו דער ספערע פון דער אויסגעטרוימטער און אויסגעבענקטער משיחישקייט. און ווייסנדיק, אז ירושלים איז דא, צעזינגען זיך וועלטן גאנצע אין אייער נשמה און איר בענטשט מיטן טיפן גליק־געפיל פאר דער מעכטיקער דאאיקייט פון ירושלים, וואס איר האט דערצו זוכה געווען נאך אזוי פיל צענדליקער דורות פון יידישן ווייי און יידישער בלינדער אמונה.

ווען דער געפיל וואלט געווען א גראדיקער, א פשוטער, וואלט א סך פארלוירן געגאנגען פון זיין וויטאליטעט. דער גלות'דיקער לעווער וואלט נישט באנומען די דערשיינונג פון „א דעאוס־עקס־מאכינע"־ירושלים אין אונזער ווירקלעכקייט. יהודה קרני אנטפלעקט פאר אונז אויך די שמערצ־

ישעיהו אוסטרי־דן

לעבע סודות פון זיין געראנגל אויפן מזבח פון ירושלים. ער איז דער קרבן און דער כהן. ער איז דער יאָר־שלעפּער און דער גאולה־שופר. אַ מינוט צאַפּ־לען פאַר אים די ווירקלעכקייטן פון ירושלים אין געוואַלדיקער התרוממות און אַ מינוט שפּעטער דערזעט ער דעם אומגליק פון נאָך אַלץ דויערנדן חורבן. דער געראַנגל גיט אונז דעם געפיל פון מיט־יצירה און עפנט פאַר אונז אויף איינע פון די וואונדערפולע טויערן וואָס פירן צום קוואַליקן אויפנאַם פון אַ גרויסן אמת. דער מאָמענט ווערט אַ לעבנס־וועג און נישט נאָר אַן איבער־גייענדער מאָמענטאַלער געפיל. די לעצטע סטראָפן פון ליד „הרים“ גיבן אונז אַ צאַפּלדיק בילד פון דעם מעכטיקן שטרויכל־גאַנג צום אויסקאָווען דעם נצח געפיל פון אויפקומענדער גאולה:

„הרי מולדת,
הר הצופים והר הזיתים,
אשר ברדת
הלילה — והיו הרים־פגרים, הרים־מתים.

וברדת הלילה, האם לא לביא
מזנק אליהם ממדבר השממה
ואם לא נביא
ישאג שם על ירושלים הנאשמה?

הוי, ההרים המטולאים
ברזל ונחושת, האם לא מכבים
מתקהלים בכם, וקנאים
לא יזעקו העירה בדרגות ובשלבים?

„האריזאנטן"

הוי, ההרים החשופים והקרוחים,
האם תתנכרו אלי,
אשר לא מעליכם גלשו המבשרים, השלוחים
בשם אדני?"

(„פאטערלאנד־בערג,
הר הצופים און הר הזיתים,
וואס מיט אראפקומענדער נאכט
ווערט איר פגרים־בערג, טויטע־בערג.

און ווען נאכט קומט אראפ, איז עס דען נישט קיין לייב
וואס רייסט זיך אייך אנטקעגן פון וויסטן מדבר,
און איז עס נישט אמאל קיין נביא
וואס דונערט דארט אויף דער זינדיקער ירושלים?

אוי, איר בערג געלאטעטע מיט אייזן און קופער
זענען עס נישט אמאל די מכבים וואס אויף אייך זיך זאמלען
און זענען עס נישט די קנאים וואס מיט געפילדער
פון אלע בערג־קייטן און בערג־טרעפ איז שטאט אריין ציען?

אוי, איר ליסעוואטע און נאקעטע בערג,
ווער איר טאקע זיך פרעמדן צו מיר,
ווייל נישט פון אייך זענען אראפ די אנזאגער
געשיקטע פון גאט?")

ישעיהו אוסטרי־דן

דערדאַזיקער געפיל פון אויסגליען דאָס הארץ אין טיפן געראַנגל פון גלותדיקע הענט און גלותדיקער נשמה אויף דערקריגן זיך צו די הויכן פון דערלייזונג, איז פאַראַן אויך אין צווייטן ליד „על סלעי ירושלים". דאָס לאַנד ליגט אין פאַרביסענער עקשנות. נישט דער מענטש, נישט זיין טראַט, און נישט זיין ליד קענען עפעס דאָ ענדערן. די פעלזן ווילן דעם טראַט־אָפּ־דרוק נישט אויפנעמען; די זאַמד ווילן באַלד מיט האַסטיקן ווינט די פיס־צייכנס פאַרווישן. און דער געזאַנג וועט פאַרשווינדן ווערן אין געברום פון גרויסן ים ביי די ברעגן פון קליינעם פאַטערלאַנד; און גאָט הערט נישט; און פריינט קומען נישט טרייסטן; נאָר ערגער ווי איוב איז זיין לאַגע, ווייל יענער האָט כאָטש טרייסט געהאַט.

„רק מי שילך בחום היום בצהרים
לבית־לחם או ליריחו —
וראה אדם יחידי משתטח על הרי ירושלים,
מתחתיו צלו ובלבו הגיגו ושיחו".

(„נאָר דער וואָס גיין וועט אין הייסן טאָג צו מיטאָגצייט
קיין בית־לחם אָדער יריחו —
וועט ער זען אַ איינזאַמען מענטש אויסגעצויגן אויף די בערג פון ירושלים,
אונטער אים זיין שאָטן, און אין הארצן זיין שטילער געברום און מורמל").

דאָ איז אַ מעכטיקער פאַרמעסט אָנצונעמען די ווירקלעכקייט פון ירושלים מיט די נעגל. עס גייט אין אָנקניפּן צוריק דעם פאָדעם פון דורות. ירושלים איז נישט אַזוי נוטמוטיק. זי איז ביידן און קאַלט־אייניק אַנטקעגן אירע זון און טעכטער וואָס איצט, ערשט איצט, נאָך אַזוי פיל דורות, האָבן זיך אין איר דערמאָנט און אָנגעפאַנגען צוריקצוקומען. ירושלים איז קאַלט און דער צוריקקומענדער איז אין טיפן צווייפל, ער ווייס אין הארצן אַז

„האריזאנטן"

ירושלים איז געבעכט. לאנג געווען אוועק אויף זאמדיקע וועגן און באשמירט זיך מיט בלאטיקע אילוזיעס, ווי יענער קראנקער וואס גלויבט, אז די בלאָטע איז טאקע זיין היילונג. דער צוגעשמידטער צו די פעלזן פון ירושלים איז אין שמערצלעכן ספק, אבער גלייבציייטיק ווי ער וואלט געווארן א געוויקס צווישן דער ווילדקייט ארום. עס געשעט דאס וואונדער נאר דאן, ווען ער דערוויסט זיך דעם טיפן סוד, אז אין דער ווירקלעכקייט פון א וויסטעניש־געוויקס ליגט דער גרויסער אמת פון ווידערגעבורט. ווידערגעבורט אין גרינעם טאל — נישטא קיין גרינגערע און פראזאאישערע דערגרייכונג. אינם גרינעם טאל מוז דאך וואקסן. דאס פארקערטע וואלט גראד געווען דאס אומווארשיינלעכע און משונה'דיקע. אבער פארפלאנצט ווערן ווי א ווילדע געוויקס אין דער פעלזיקער רעאליטעט און אין דער וויסטעניש־ווירקלעכקייט, דא איז דער איינציקער מעגלעכער ווארצל פאר מארגנדיקער בליאונג. נאר אזוי ארום קען געשען דער צוריקקער צום נצח־ירושלים דורך דעם פארווירקלעכטן נצח־ישראל. קומט טאקע באלד די גרויסע דערוואכונג, די באַפערלונג מיט אמונה־טוי פון דעם איינעם וואס טראגט אין זיין גוף די אויסדערוויילטע נשמה און האט מיט א פארשטענדלעכער זיכערקייט אוועקגעקוקט פון פאקט, וואס אנדערע האלטן זיינע וועגן פאר אוממעגלעכקייטן און אומווארשיינלעכקייטן. דאס וואונדער איז געווארן א יש. ירושלים האט זיך אויפגעוועקט מיטן גרויסן הונגער אין באוווסטזיין פון דיכטער. די היילונג פון דער גרויסער קרענק האט באקומען איר ערשטן סימפטאם. דער קראנקער איז הונגעריק געווארן. ירושלים האט זיך אויפגעוועקט אין טיפער צאפלדיקייט און יעדער זכר שווימט אויף ווי א קאלטער שלוק וואסער פארן גליאיק־דורשטיקן גומען. דער דיכטער פארטונקט זיך מיטן גאנצן יש אין דער וויזיע־ווירקלעכקייט פון ירושלים און ווערט מיט איר איין גוף און איין נשמה. זיין איין־סוף און דער פון ירושלים זענען צוזאמענגעגאסן. ער צווייפלט צי ער איז די מתנה פון ירושלים אדער ירושלים זיין מתנה. דער גינגאלד פון ירושלים'ס אייביקייט גיסט זיך אריין אין זיין נשמה און ער ווערט אויף אייביק צוריק דער זון פון ציון, דער זון פון די ערד אויף וועלכער דוד המלך האט געבוירן זיין זון שלמה און שלמה המלך האט געבוירן דעם בית־המקדש.

דער ליד „שרתיך" איז ווי א המשך פון דעם פאריקן ליד „לא שבעתיך". נאך דעם, ווי די ווירקלעכקייט פון ירושלים איז צוריק אויפגעקומען אין טאג־

טעגלעכן גאנג, פאנגט אן דער נביאישער ברען פאר אויספארעמען און אויס־קריסטאליזירן די געשטאלט פון דער אייביקער שטאט און איר לעבן. די ליבע צו ירושלים, די תפלה פון די עדות יידן אין ירושלים, די טרערן פון יחיד און כלל און די שנאה צו דער וועלט, פארוואס זי האט פון ירושלים נאר איבערגעלאזט פארברענטע שטיינער און ברענענדיקע קוילן האליץ, צע־שפילן זיך מיט גיגאנטישער קראפט אין דעם ליד. ס׳איז א מעכטיקער גע־פלעכט פון געוויין־תפלה־צארן וואס לייגט די ווארצלען פאר א נייעם אויפ־קום פון יידישער יכולת. דער גלויבן אין דער הימלישער קראפט פון ירושלים איז אומבאשטרייטבאר. אין גרויסן פארמעסט קעגן דער וועלט וועט אויך דער גלות־ייד אויפוואכן און נעמען צארנען מיטן ירושלימער ייד בייזאמען. דער פארפלעכט פון וועלטן און דורות איז דער אנפאנג פון דער נייער פרוכטבארקייט אויף די פעלזן פון ירושלים.

ווען דער דיכטער זעט די הויפנס פון שטיינער ארום אים, קוקן זיי אים אויס ווי „בערג פון ווונדן" אדער „בערג פון שרעקן" ווען ער גייט ארויף אויף זיין נייעם וועג פון „מקדש מעט". ער ווייס אז דאס גרויסע ירושלים איז נאך אונטערוועגס. ער האט זיך שוין אבער דערשלאגן צו א מקדש־מעט. דאס איז דער ערשטער שטאפל צום גרויסן דרך־המלך־וועג. דעריבער איז ער נאך אלץ אין פארצווייפלטן פארמעסט, ווייל מיט דער גאנצער זיכער־קייט ווייס ער דאך, אז שטיינער דינען אויך צו ווארפן אויפן נביא און אים טרעפן אין קאפ „און ס׳פאלט דער נביא צום גרויסן גליק־געשריי פון פראסטאק". אבער ער ווייס אויך, אז

„ועוד אפשר שהתפרק כאן העולם
את מטענו: אבני כל לב, אנחת כל עם,
לשים אותן בתוך כליי ועל כתפי
ולשאת עלי כפים לא לי כנשוא כפי".

(„און ס׳איז אויך מעגלעך, אז די וועלט האט דא אראפגעלאדן
איר באגאזש: שטיינער פון יעדן הארץ, קרעכץ פון יעדן פאלק,

„האריזאנטן“

עם אריינצוליגן אין מיין זאק, און אויף מיין אקסל

און טראגן אויף זיך פעלזן נישט מיינע, ווי כ׳טראג מיין אייגנעם פעלז").

אבער דער גרויסער פארמעסט אויף צוריקקריגן ירושלים אין איר גאנ־צער וויטאליטעט איז אנטהאלטן אין פרעכטיקן ליד „אם אין מזבח“. ירושלים מוז ווערן דאס וואס זי איז געווען אמאל פארן פאלק און פארן יחיד. מיט דעם מאמענט ווען דער דיכטער האט צוריקגעוווּנען די הייליקע שטאט, די שטאט פון יידישן נצח, מוז זיך דאך דער נצח אויסווירקן באלד, אן אויס־ווארטונגען און איבערווארטונגען.

„אם אין מזבח — על כל גבעה שוממה
אקריב מנחתי,
ואם שקט בעיר ושנתה נעמה —
וההרידתה אנחתי.

אם אין מקדש — ברעש אכה
את קרנות החומה הפרוצה,
ואם אין מים טהורים, אשר אזה
על ירושלים — אזה מדם קרקפתי המחוצה.

ואם אין נביא וכהן — ותפשתי כל מצורע
אם שקרן או מדיח,
ואמרתי: האם לא אתה הוא, שלך יקורא
משיח?“

ישעיהו אוסטרי־דן

(„וועז קיין מזבח איז נישטא — וועל איך אויף יעדן וויסטן בערגל
מקריב זיין מיין קרבן־מנחה,
און אויב שטיל איז אין שטאט און זים איר דער שלאף —
וועט מיין קרעכץ איר מאכן דערציטערן.

אויב קיין בית־המקדש איז נישטא — וועל איך מיט כוח
א זעץ־טאן
אין די ווינקלען פון דורכגעבראכענעם מויער,
און אויב קיין ריינע וואסער איז נישטא, צו באשפריצן
ירושלים — וועל איך זי באשפריצן מיטן בלוט פון מיין
צעשמעטערטן שארבן.

און אויב נישט פאראן איז א נביא און א כהן — וועל איך יעדן
קרעציקן אנכאפן,
צי א ליגענער, צי אן אפטריניקן,
און כ'וועל זאגן: ביסטו נישט דעריעניקער, וואס מען רופט
אים משיח?").

דער געזאנג דערהויבט זיך צום קעניגרייך פון מעכטיקן נביאישן ווארט. מיר האבן דערלעבט דאס גרויסע ווארט פון ירושלים ווי אין יענע אלטע, קיינמאל נישט פארגעסענע, טעג. דער זון פון פאלק זוכט נישט קיין אנדער ירושלים ווי נאר די וועלכע מיר האבן געקענט, א ירושלים פון נביאים, א ירושלים פון מענטשן וואס זוכן דעם אמת'ן זין פון לעבן און קעמפן דערפאר, אז דאס לעבן זאל האבן א זין. דער נייער ייד זוכט משיח'ן אזוי ווי זיין טאטע און זיין זיידע און אלע יידישע דורות פון די ערשטע טריט פון גלות און ביז היינט־צו־טאג האבן אים געזוכט. ירושלים איז אויפגעשטאנען אין איר פולן אינהאלט און מיר זענען דערשיטערט און איבערגליקלעך וואס מיר האבן געקענט מיטמאכן דעם פראצעס, וואס קיינער האט קיינמאל נישט

„האָריזאָנטן"

געגלויבט, אַז דאָס וועט נאָך מעגלעך זיין אַרויסברענגען אויף דער ליכטי־קער שיין. די קיים ציט זיך ווייטער. נישטאָ קיין נישט־פאַרריכטבאַרע אומ־גליקן אין לעבן פון אונזער פאָלק. מיר לעבן שטאַרקער און העראָאישער ווי אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט. און עס איז גענוג געווען נאָכאַמאָל אַנקומען צו די טויערן פון ירושלים, אַז די גרויסע ווירקלעכקייט פון נעכטן זאָל נישט נאָר דערמאָנט ווערן אין שיינע פאָרמען אַליין, נאָר זאָל אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּרודלדיקן און זאַפטיקן גייסטיקן היינט.

די ירושלים פון אַלע יידישע נעכטנס און אַלע יידישע מאָרגנס.

ווען איר שטייט מיטן פנים צום שטאַרקן גליאיקן ווינט פון דער געשיכטע וואָס גייט אייך אַרויף מיט בריאיקן אָטעם אַנטקעגן, קענט איר נישט אויפנעמען אין גורלדיקער רואיקייט און אַנטשלאָסנקייט די ווירקלעכקייט, וואָס האָט זיך אויפגעריסן פאַר אייערע אויגן. עס איז נישט דער קוק פון טאָגטעגלעכן אימיגראַנט וואָס לעכצט נאָך ברויט און אַ ביסל שלוה, אָט דער קוק פון יהודה קרני אויף ירושלים. עס איז אַ געפילן־געווירבל אַרויסגעפיבערט פון דורות־אָפּוואַרט און דורות־בענקשאַפט נאָך אַן אומדערגרייכבאַרער, אָבער קיינמאָל נישט פאַרראַטענער גאולה. איר הערט דעריבער אין ליד פון יהודה קרני קלאָגן פון אַמאָליקע וויינערקעס אַרום דעם טויטן קערפּער פון אַן אלוף ביהודה. עס איז עפּעס גורלדיקעס פאַראַן אין זיין באַוויינען די נאַקעטקייט פון דער אבות־נחלה און דער געבעט אַז נאָך נעגעבן זאָל אים ווערן מיטן טויט אַראָפּרייסן די חרפה פון ירושלים׳ס שממה׳דיקייט, אויב נישט באַשערט איז אים עס צו באַוויזן ביי זיין לעבן. ירושלים איז דאָך נישט נאָר אַ שטאָט, (דאַרף מען עס נאָך אונטערשטרייכען?..), נאָר אַן אייביקער פאַקל אין די יידישע ווייטיקן וואָס האָט געטראָגן, אין דער שוואַרצסטער שעה, אַ פונק פון בטחון אין די הערצער פון די געפייניקטע. און די ירושלים, די טרעגערין פון אייביקער אמונה שטייט אַליין אין איר שממה׳דיקייט און שרעקלעכער פאַרוויסטקייט. די זון אַליין ווי זי וואָלט נאָר געפּטרט איר ליכט אויף דער פעלזיקער ליידיקייט אין און אַרום ירושלים.

געוויס, איז דאָס היינטיקע ירושלים נישט דאָס ירושלים פון די צוואַנציקער יאָרן. היינט איז ירושלים אַרויס פון איר מדבר׳דיקייט און שטעלט

מיט זיך פאַר די קרוינונג פון יידישער יכולת. אויך די סביבה פון ירושלים האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען, זייענדיק באַפּערלט מיט יידישער שוויס און באַגרינט מיט יידישע פעלדער און וועלדער פון די ישובים אַרום איר. אָבער די גאולה־טויערן זענען נאָך געווען געשלאָסן פאַרן דיכטער אין יענע שווערע טעג פון אויפצומאַרגנס פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. עס איז געווען אַ צוזאָג אָן אַ עכּא. עס איז געווען אַ צוזאָג, וואָס נאָך איז איז נאָך אַלץ דאָס פאָלק... געשלאָפן. עס איז געווען אַ פרייד אין די גלות־לענדער און זי איז געווען אַזוי עקר׳דיק. דער דיכטער איז אַריין אין ירושלים און אַ שוידערלעכער געמיש פון היסטאָרישן גלי וואָס האָט געפיבערט אין קאָפּ און אין האַרצן און פון טיפן צער און גרויס פּיין פון די קאַלטע ווינטן איבער די פעלזן פון ירושלים האָבן אים אײַנגאַנצן פאַרשלונגען. דאָס ליד איז די דערהויבונג פון דעם געוואָרבל, פון דעם גרויסן שטורם צו דער העכסטער מדרגה פון ווייטיק און געזאַנג. עס איז אַ מזמור מיט טרערן, מיט גליאיקע טרערן וואָס גיסן זיך איבער די באַקן אַראָפּ צו דער טרשים־ערד פון ירושלים. ס׳גליק איז אין מזמור און דער ווייטיק איז אין דער טרער — און פון ביידנס באַהעפט שפּרודלט אַרויס אַ געוואַלדיקער למנצח צו דער אייביקער דאַ׳איקייט פון דער גאולה׳דיקער ירושלים. ווייל אויך דער טרויער איז אַ אמונה־אויסגעשריי פון יידישן בטחון אין מאָרגן פון ישראל אויף די בערג פון ירושלים. אויב די ליפּן זענען קאַלטע, קומט דער נאָמען אליין פון ירושלים און צינדט זיי אָן מיט אַ סנה׳איקן פייער וואָס ווערט קיינמאָל, קיינמאָל נישט, פאַרלאָשן. און אויב פון אונטער די אבני־השתיה נאָך זידט ערגעץ־ווו אַ העליש פייער, איז די הייליקייט פון דער אייביקייט דורכגעווייקט מיט די טרערן פון ענתות־געוויין אויפן צוויי־טויזנט־יאָריקן חורבן. עס איז דער אייביקער יידישער ווייטיק ווייל די גאולה איז אויסשליסלעך פאַרבליבן אין דער ספערע פון בענקשאַפטן און נישט זוכה געווען אַרײַנצוגיין אין דער ספערע פון פאַרווירקלעכונג.

גערוים טוט אים ווי דער אומגליק פון ירושלים, אָבער דער אומגליק פון ישראל טוט אים נאָכמער ווי. ווייל ירושלים אָן־און־פאַר־זיך איז דאָך אַן אָפּגעריסענע ווירקלעכקייט פון סתם אַ שטאָט צווישן אַלע שטעט פון אָריענט ווען מען נעמט פון איר אַרויס די נשמה פון ישראל, וואָס איז אַזוי טיף מיט איר צוזאַמענגעקנאָטן פון די ערשטע טריט פון ישראל אויף די דערנער־

ווענן פון דער מענטשלעכער געשיכטע. דעריבער שטערט עס אים נישט זאגן ווענן ירושלים, אז זי האט אויך זינד און דאס ערגסטע, וואס די געזאלבטע אליין גייען ארום פארווונדעטע און אמאל אויך פאראליזירטע.

עס מאכט זיך דעריבער אמאל, אז די נאכט קומט אן אויף די ארעמס פון א גליאיקן אוונט, פון אן אוונט וואס באצווינגט דעם מענטש און מאכט אים גליקלעך טראץ זיין אומגליק און מאכט אים פריילעך, טראץ זיין טרויער. נישטא קיין הארץ־נאגעניש דאן און נישט קיין סאמעטיקע גע־פילן, נאר דורס׳דיקע יידישע טריט איבער די פעלזן, יידישע פיס, וואס צעשמעטערן דעם חורבן און ראמען אפ די שממה און קריצן אוים מיט די נעגל נייע סטעזשקעס אויף די בערג פון ירושלים.

אבער עס זענען אויך פאראן נעכט, וואס קומען אן אין זייער רחמים־פלאטער איבער די הימלען פון ירושלים. עס זענען דורכזיכטיקע נעכט, שטילע נעכט.

„לילות מחיים אלים שבורים\
מוחים אבק צורב מעל היסורים

— — — — — — — —

ודין אחד נמתח אל לב\
וכלל אחד מן המצולב אל המצלב,\
לילי קדושה\
מכום ירושלים הגדושה.

עיר אלהים, עיר אלילים\
המקשרת כל שבילים

באם דרכים, וכל הקבובים מתרוממים\
למרום קמרון אחד, כונף גורל עמים“.

ישעיהו אוסטרי־דן

(„נעכט אין אויפלעב פון צעבראָכענע געטער
ווישן אָפּ פון יסורים דעם גליאיקן שטויב.

— — — — — — — —

און איין דין וואָס ציט זיך פון הארץ צו הארץ
און איין געזעץ פון געקרייציקטן ביז צום קרייציקער,

נעכט פון קדושה,
פון איבערפולטן ירושלימער כוס.

די שטאָט פון גאָט, די שטאָט פון געצער
וואָס פאַרקניפּט אַלע סטעזשקעס

ביים וועגן־פונאַנדערגאַנג, און אַלע קאָפּולן זיך דערהויבן
צו איין גרויסן געבויג, גערעקט איבערן גורל פון פעלקער").

דאָס איז שוין גאָר אַן אנדער נאכט, אַ באַרואיקטע, אַ שלות'דיקע. דער דיכטער ווי ער וואָלט אָפּגערוט זיין גליאיקן קאָפּ ביים שטילן ווינט פון דער ירושלימער נאכט, וואָס איז אַמאָל אַ נאכט, וואָס קען אויסגלייכן „די קנויי־טשען אויף די פּנימער פון סינופים'דיקע בערג".

דער שטורם אָבער רוט נישט. ער איז באַהאַלטן אין הארצן פון צו־ריקקומענדיקן. ער האָט געהאַט אַ וועלט מיט חלומות אונטער זיך, אַ וועלט מיט אַ מקדש'דיקער ווירקלעכקייט וואָס האָט זיך געהייליקט איבער אַלע דורות פון יידישן לעבן, אַזוי אין ארץ־ישראל און אַזוי אויך אין די לענ־דער פון צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות. עס כאַפּט ארום דעם דיכטער אַ רצון־גלי פון באַלדיקער דינסט צו גאָט און זיין ירושלים. ער איז גרייט צו זינ־גען און אויך גרייט מיט אַ בעזים זיך ארומנעמען אין אַ ווינקל פון הויף.

„אמת שמקומי בין שרים ונוגגים —
הן אשא גם הדלי, אאגור האזוב;

„הארי זאגטן"

אני לא טרחן; וביתך מלא רוננים,
לא אני אעזוב."

(„און ס'איז אמת, אז כ'בין פון די זינגער —
אבער כ'טראג אויך דעם עמער און בינטל דעם גראז;
כ'בין קיין טרחן; און דיין הויז איז איבערפולט מיט באקלאגער
אבער נישט איך וועל פארלאזן".

עס איז א פולשטענדיקער איבערגעבן זיך אין די אָרעמס פון באגערטן סוד וואס ברענט נישט נאר אין הארצן און אין בלוט, נאר גליט אויך אין די ביינער. דער גאנצער גיהנום איז אויסגעגאסן אויף די חורבות פון ירושלים און אירע ארומיקע בערג און דער אומקום קוקט דאך אויס צו זיין אזא צוזאגנדיקער, אזא פרוכטיקער. דוכט זיך, אז דער דיכטער האט נאר וואס געקושט דעם גליאיקן באדן פון די בערג, און צעבלוטיקט די פיס אויף די שטעכעדיקע שטיינער פון די בערג פון יהודה

„אך מדוע זה בקום מנשוק שאול בוערת
לי נפתחים שמים?!"

(„אבער פארוואס געשעט עס
ווען כ'שטעל מיך אויף פון קושן דעם ברענענדיקן גיהנום
עפענען זיך פאר מיר די הימלען?!")

עס איז די איבערצייגונג פון גרויסן נצחון פון אייביק־דאאיקן ירושלים אין דער יידישער ווירקלעכקייט. דאכט זיך א גיהנום, אבער פון דאנען פירט דער איינציקער וועג צו די יידישע הימלען. דאס געפיל רייסט ארויס ביים יחיד א מוראדיקע גאמע פון לײדן וועלכע שפיגלען זיך אפ אין אלע אויפברויזן פון דער נשמה וואס דערטראגן דעם גייסט ביז דער

ספערע פון מטורף'דיקייט. אָבער דאָס איז אַ מטורף'דיקייט פון יידישן רצון אויפצודעקן דעם אור־אַלטן קוואַל פון יכולת. וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין יידישן זיין. די יכולת איז אַ געוואַלדיקע, דעריבער איז אויך אויס־טערליש געוואַלדיק דער ווילדער אויסגוס פון געפילן אין ליד „אל תהום אקרא". מען מוז אויפוועקן דעם ייד ער זאָל אפילו דאַרפן נעגל אין הארץ זיך פאַרזונקען און ער איז גרייט דאָס ביסל יידיש בידנע ברויט מיט בלוט באַשמירן „אייער־מיין בלוט".

דער דיכטער גיט זיך אויך אָבער אונטער געזעצן פון דער מענטש־לעכער נאַטור. נאָכן אויפברויז קומט אַ מידקייט און אַ באַרואיקונג. אָבער דער גייסט רוט נישט. דער זיסער אויפבלי פון דער געשיכטע צעגיסט זיך ווידער אין הארצן. עס איז דאָ אויך דאָס ירושלים פון אייביקן גרויסן טרוי־עריקן זיין. אָבער דער זיין איז זיכער און געוואַלדיק דאָאיק.

„על הריך
עוד מתפלשים לוחות סדוקים;
אך בשעריך
שוב תנוקות פוסקים פסוקים.

על הריך
סמלי דורות, אבות שתוקים;
אך בשעריך
שוב נקהלים פרושים, צדוקים.

על הריך
קדושי אומה שרופים, סרוקים;
אך בשעריך
שוב כל דיניך מתוקים".

„האָריזאָנטן"

(„אויף דיינע בערג
נאָך זיך וואַלגערן געשפּאָלטענע לוחות;
אָבער אין דיינע טויערן
ווידעראַמאָל זאָגן קינדער זייערע פּסוקים.

אויף דיינע בערג
סימבאָלן פון דורות, פאַרשוויגענע אור־עלטערן;
אָבער אין דיינע טויערן
ווידער זיך זאַמלען פּרושים און צדוקים.

אויף דיינע בערג
די קדושים פון פאָלק פאַרברענטע, געקעמטע;
אָבער אין דיינע טויערן
ווידעראַמאָל זיסן זיך אַלע דיינע דיגים").

דער ווידערגעבורט איז פּערמאַנענט אין זכרון פון דיכטער. ירושלים קומט אויף אין כסדרדיקן לעבן וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרוועלקט. עס זענען דאָ די זכרונות, אָבער נישט נאָר זיי אַליין. עס זענען אויך פאַראַן די נייע אויפשפּראָצן פון יידישן לעבן אויף די בערג און אין די גאַסן פון ירושלים. ס'איז גום אַזוי, וואָס ווידער אַמאָל זענען דאָ פּרושים און צדוקים אין יידישן לעבן. עס איז אויפגעקומען דאָס אור-אַלטע בילד פון דער חשמונאים־תקופה און מיר שפּירן אָפּ אין דער פולסטער טיף דעם גרויסן באַדייט פון דעם פאַרגלייך. דאָס לעבן האָט זיך אויסגערייפט און אויסגע־פּרוכפּערט אויף די גאַסן פון ירושלים. די גאולה איז נאָך טאַקע נישטאָ אָבער די וועגן צו איר שלענגלען זיך שוין איבער אַלע בערג און טאָלן.

אין זעלבן גייסט פון גלויביקער דאַאיקייט אין יידישן זיין איז אויך דער פּרעכטיקער ליד „רדיו".

ישעיהו אוסטרי־דן

„ליל ירח.

ירושלים בין הרים דמומים סגורה;

וברדיו קול־אשכנז צרוד צורח:

„דער יודע, דער יודע המצורע!

עקדוהו על מזבח,

כרכוהו ושרפוהו בגוילי תורה!"

מעל מגדל דוד „דער יודע" גל שולח:

„הוי, אשכנז הארורה,

נביא אחד ירושלמי על הר קרח

או בתוך מאורה

לו קם ושאג אך ישאג —

והפך ארצך כתופת המדורה".

(„ א לבנה נאכט.

ירושלים שטייט פארשלאסן צווישן אנטשוויגענע בערג;

און אין ראדיא, דער הייזעריקער דייטשלאנד־קול רעוועט:

„דער יודע, דער יודע, דער קרעציקער!"

בינדט אים אויפן מזבח,

וויקלט אים ארום און פארברענט אים אין פארמעטן פון ספרי־תורות!"

פון דוד׳ס טורעם „דער יודע" זיך כוואליקט:

„הוי, פארשאלטענע דייטשלאנד,

„האריזאנטן"

איין ירושלימער נביא אויף א ליסעוואטן בארג
אדער אין א הייל
ווען ער וואלט אויפגעשטאנען און נאר איין געשריי געטאן —
פארוואנדלט ער דיין לאנד אין א ברענענדיקן גיהנום!".

דאס איז דער אויסדרוק פון דער טיפסטער יידישער אמונה אין אייגענעם כוח נישט נאר איבערצולעבן שונאים, נאר אויך זיי באצווינגען. און נאר שטייענדיק פאר די טויערן פון ירושלים קען א ייד האבן דעם כוח אויפצובלעטערן א נביאים־קאפיטל אין דער שרעקלעכסטער צייט פון אונזער געשיכטע. עס איז גוט אזוי וואס עס געפינט זיך א ייד מיט אזא געוואלדיקן גלויבן אין כוח פון יידישן גייסט. מען ווערט אזוי זיכערער, אזוי בארואיקטער און אנטשלאסן אין גראדיקן גאנג אנטקעגן ירושלים.

שטיין פאר ירושלים, דאכט זיך, אז עס מיינט שטיין פאר א פארהייליקטערווירקלעכקייט, אזוי פארהייליקט ווי עס איז דער באגריף „תורה" אדער דער באגריף „מצוה". עס מאכט זיך אבער אמאל, אז מ'ווערט אליין בארוישט פון דעם כסדר'דיקן באצווינגטן זיין ארום דעם טויזנטער און ווידער טויזנטער יארן פארקודש'טן באגריף פון „ירושלים" און איר אליין פרעגט זיך אמאל, צי מען דינט נישט א ווירקלעכקייט וואס איז עס אפשר נישט די וואס איר מאלט אייך אויס. דאס איז א מענטשלעכער ספק וואס גנב'עט זיך אריין אין הארצן. ירושלים איז דא, אבער צו לאנג, צו פיל... און פארוואס דווקא פונקט ירושלים? און פארוואס אזוי פיל בענקשאפטן און פארוואס אזוי פיל טרערן, און דווקא צו ירושלים?

„באוריך ותומיך
אשאלה האות:
למה תחת שמי־שמיך
רבו כה דמעות?

האומנם הולך רק קודש,

י ש ע י ה ו א ו ס ט ר י ־ ד ו ן

ואין בך מום אחד,
כי סאת הלב עם כל הגודש
נסכנו לך לבד".

(„אין דיינע אורים ותומים
וועל איך פרעגן די פראגע:
פארוואס זענען אונטער אלע דיינע הימלען
אזוי פיל די טרערן?
ביסטו דען אינגאנצן נאר קודש
און האסט קיין פעלער נישט
ווייל דאס מעסטל פון הארץ וואס אזוי איבערפולט
נאר פאר דיר אליין אויסגעגאסן מיר האבן").

עס איז טאקע אן אורים־ותומים'דיק פרעגן, א פארהייליקטער צווייפל. אבער דאך א צווייפל. עס איז נישט קיין בלינדע געצנדינערישע דערהויבונג אט די פון ירושלים. נאר א געץ פארטראגט נישט קיין צווייפל. לעבנס־אמת'ן בעטן זיך מען זאל פון צייט צו צייט א צווייפל טאן ארום זיי. עס איז דאן א פראצעס פון א פארנעפלונג, וואס דערנאך קומט ארויס די נא־טור מער באגיננאלדיקט און מער באגאסן מיט שטראליקער זון. ירושלים איז אן אייביקער יידישער אמת אבער נישט קיין פארשטעלטער אמת אונ־טער א פארהאנג וועלכן מען טאר נישט אויפהויבן און א קוק טאן וואס עס טוט זיך אינעווייניק. ירושלים איז א דערהויבענע תפילה אין דער יידי־שער נשמה, וואס באזינגט די פערמאנענץ פון יידישן זיין. ירושלים איז דער טיפער זין פון יעדן יידישן גאנג אין דער געשיכטע. ירושלים איז די אייביקייט פון יידישן מארגן אין די הערצער פון אלע יידישע דורות. פאר־צווייפלט דאך אויך א נביא אמאל און גיט א פרעג א פראגע וואס ס'דאכט זיך אז את־את רודערט זי אויף די יסודות פון דער וועלט און צעטרייסלט

„האריזאנטן"

אלע געזעצן פון די מזלות און פון די יאָרן און פון די דורות אין גאַנצן יקום. אָבער דער וואָס פרעגט איז אַ נביא. דער וואָס פרעגט איז דער „אבן השתיה" פון פאָלק און דער טרעגער פון אַלע זיינע אומגליקן. אַזוי איז אויך דער אויסדערוויילטער זון פון ירושלים. דער צוויי־טויזנט יאָ־ריקער שפּראַך פון נביאישן גייסט, „וואָס זינגט צו ירושלים. וואָס וויטיקט ירושלים און וואָס פאַרצווייפלט אין אַ געגעבענער מינוט פון דער מוראדיק גרויסער פאַרוואָרצלונג פון ירושלים אין דער אייביקייט פון פאָלק. אָבער ווען ער פאַרפרעגט עס, איז עס אויך מיסטעריעז אורים־ותומים'דיק. ירוש־לים איז דאָך דער באַגריף פון יידישער אייביקייט און איז נישט נאָר ענג פאַרבונדן מיט ישראל, נאָר איז דאָך איין גוף און איין נשמה מיט ישראל. דעריבער איז די פראַגע אַזוי מיסטעריעז און אויך אַזוי קורץ, ווי אַ בליץ וואָס לויפט דורך די שטורמישע וואָלקנס פון אונזער לעבן און ווערט גלייך פאַרלוירן און פאַרגעסן. ירושלים פאַרבלייבט מיט איר מאַיעסטעטישער מיסטעריעזקייט און מיט איר געוואַלדיקער פערמאַנענץ אין יידישן נעכטן און אין היינט און אין אויפקומענדיקן יידישן מאָרגן.

עס וועט זיין דאָס געוויסנהאַפטסטע צו פאַרענדיקן דאָס בוך מיט פיר לידער פון יהודה קרני'ס „משירי ירושלים". די לידער „שקיעה", „למי דרכיך", „נדמת" און „שימוני בפרצה". רעדן פאַר זיך אַליין און דאַרפן נישט קיין קאָמענטאַרן. לאָמיר זיי לייענען אין עברית און אין יידיש:

שקיעה

„זאת לא היתה
השמש, שמרמים
שלחה שרפי פרידה בבוא שעתה
להשפט משפט דמים;
אף לא נוסכה על ההרים
עצבת בת־ציון על מות דודה־מלכה
ובשבילי כרמח הנסתרים

ישעיהו אוסטרי־דן

באבל נסתלקה
אל כום כל ענבה;
זאת לא היתה שקיעה, כי אם זריחה, פריחה
עם המרדות והמתיקות והענוה
וההשתוממות, אשר ציר אמן
ישאב מתכלת, ורד וחכליל
וארגמן
בהתמזגם כליל
בנוף ומסגרתו;
היה רנון גונים, ברוץ יינות, זלוף בשמים
מאגרטל המתלפר ומשתלהב — ומשברתו
לפתע יד קסמים
ושופכתו, ותהי שרפה
בתוך חיקה
של עיר דוד, המאובקה, העפיה
והריקה.
היתה זאת תבערת
הזעם והנקמה
על אב ואם ובן ובת,
שמדמם רותה האדמה;
היתה זאת הדלקת הענויים

„ה א ר י ז א נ ט ז"

של בן תרדיון, אשר למד קהלה רבה
וישרפוהו בגוילי תורה ובספוגים שרויים
לעיני בתו צווחת: בכך אראך, אבא.
היתה זאת השרפה של השתות
והשערים,
אשר טעה בה המקונן בעלותו מענתות
ואמר: ודאי שם ישראל מקריב פרים;
היתה זאת אמירת שלום אחרון,
גויעת שיר-השירים של שלמה;
היתה זאת נהימה מצער וחרון
שלשכינה עם צאת מתוך הבית עת יפנה יומו;
זאת בערה רנה, תפלה, שירה
על כל תרומה וכל תנופה,
אשר הניף עם הבחירה
מדור לדור עם המנוחה והסופה;
זאת לא היתה שקיעה, יקדו כרמים, פרחו מדבריות
מלהט היגון, מהשתפכות לב האומה;
היה אזי אסיף כל הזריחות בערוב יומה".

(„ס'איז נישט געווען
די זון, וואס פון הימל
געשיקט האט איר גליאיקן אפשייד

ישעיהו אוסטרי־דאן

וועו̄ן איר צייט איז געקומען
אין בלוטיקן געריכט געמשפּט צו ווערן;
נישט אויסגעגאָסן איז אויף די בערג אויך געווען
בת־ציון'ס טרויער
אויפן טויט פון איר געליבטן — איר קעניג
אין אין אירע פאַרבאַרגנסטע וויינגאָרטן־סטעזשקעס
איז זי מיט טרויער אוועק
איר צער אויסגיסן
אין בעכער פון יעדן טרויבן־בינטל;
ס'איז נישט געווען קיין שקיעה,
נאָר אַן אויפשיין, אַן אויפבלי
אין רעוואָלט, אין זיסקייט, אין עניוות
און אין דער פאַרוווּנדערונג, וואָס אַ קינסטלער־מאָלער
וועט שעפּן פון בלוי, פון ראָזן און פון רויט
און פון פּורפּור
ווען זיך צוזאַמענגיסן זיי וועלן שלמות'דיק
מיט פּייזאַזש און ראַם;
ס'זענען געווען פאַרבן־געזאַנגען,
איבערגוס פון וויין, בשמים־געטריף
פון אַ מערה וואָס צעפּלאַקערט און צעפּלאַמט זיך
און פּלוצים צעברעכט איר אַ כישוף־חאַנט

„ה א ר י ז א נ ט ן"

און גיסט זי אויס. איז געווארן א שרפה
אין שוים
פון דוד׳ס שטאט, די פארשטויבטע, די מידע
און די לײדיקע.
דאס איז געווען ס׳פלאקערן
פון צארן און נקמה
אויף א טאטן, א מאמע, א זון און א טאכטער
וואס מיט זייער בלוט האט די ערד איר דורשט געשטילט;
ס׳איז געווען דער ענויים-פלאקער
פון תרדיונ׳ס זון,
וואס געלערנט האט מיט גרוים קהל
און פארברענט האט מען אים מיט תורה־פארמעטן
און נאסע טיכער פאר די אויגן פון שרייענדיקער טאכטער:
אזוי דיך זען — טאטע.
ס׳איז געווען די שרפה פון יסודות
און פון טויערן
וואס א טעות געהאט האט דערבײי דער מקונן
ארויפנייענדיק פון ענתות
און ער האט געזאגט:
געווים איז ישראל דארט מקריב אקסן;
ס׳איז געווען דער לעצטער „שלום"

ישעיהו אוסטרי־דון

ס׳לעצטע צאנקען פון שיר־השירים צום קעניג שלמה;
ס׳איז געווען א צער־און־צארן ברום
פון דער שכינה, ארויסגייענדיק פון בית־המקדש
ביים אונטערגאנג פון טאג;
דאס האט געברענט א געזאנג, א תפלה, א מזמור
פאר יעדער תרומה און פאר יעדער תנופה
וואס אויפגעהויבן און געטראגן האט
ס׳אויסדערוויילטע פאלק
פון דור צו דור
מיט דער שלוה און מיטן געוויטער;
ס׳איז קיין שקיעה געווען,
ס׳האבן געפלאקערט וויינגערטנער, געבליט מדבריות
פון גרויסן טרויער־גלי וואס אין הארצן פון פאלק;
ס׳איז געווען דאן דער פרוכטיקער אויפקום
פון אלע זריחות און אלע שקיעות
ווען געשטאנען זענען מיינע פיס אין ירושלים
ביים אונטערגאנג פון איר טאג.")

געוויס וועט דעם לעזער נישט גרינג זיין נאכגיין דעם טיפערן מיין פון ליד, אבער כ׳ראט הארציק: לייענט עס איינמאל און נאכאמאל און דאן וועט ארויסשפרודלען פאר אייך איינע פון די טיפסטע געזאנגען וואס זענען ווען עס איז אויפגעהויבן געווארן ווי א תנופה פאר דער גרויסקייט, אייביקייט און אומענדלעכקייט פון ירושלים־באגריף אין לעבן פון אונזער פאלק.

„האריזאנטן"

ניין, כ'וואג זיך מער נישט זיין דעם דיכטערס מיטבאגלייטער אין זיין פייערדיקן וועג, לאָמיר אים אליין לאָזן רעדן, אליין אויסגיסן אויף אונזערע קעפ דעם פייערדיקן בוימל פון משיחישן וואָרט:

למי דרכיך

„למי דרכיך כה היטבת,
ירושלים, ותזפתים בזפת
ועמודי ברזל חצבת
ושום פנס וצפת
וגם הפקד על כל עמוד
משמר כבוד
כאילו מישהו חמוד
עומד לבוא בראש מסע המרכבות,
כאילו מישהו מאוד מבוקש
עם התפלה ובשירה,
אשר לכתר קדקדו יוגש
ויום שבמו לפורפירה
יופיע בך בכל יפיו וביקרו.
כי כן אוכה לראות בנחמה
אם לא ראיתי המשוגע הלך וקרא
מנץ חמה עד נץ חמה
ובשנותו קולו מבכי עד רון:

ישעיהו אוסטרי־דן

„הכירוני נא, אם לא אני מבית דוד
ואם לא אלי מוליך כל שביל בהר ובמדרון
כל כוכב פשוט וכל כוכב שביט".

(„פאר װעמען ס'טו דײנע װעגן געגרײט,
ירושלים, און מיט אספאלט אױסגעלײגט
און אײזערנע זײלן אױסגעהאַמערט
זײ באַקרױנט און לאָמפּן אױסגעהאָנגען
און געשטעלט בײ יעדן זײל
אַ ערן־װאַך
װי ס'װאָלט אײנער אַ טײערער
אָנקומען געדאַרפט אין שפּיץ פון אַ פּאַראַדן־קאַראַװאַן,
װי ס'װאָלט אײנער זײער אַ דערװאַרטער
מיט דער תפלה און מיטן מזמור
װאָס צו זײן קאָפּ װעט מען אַ קרױן צוטראָגן
און זײן אַקסל ט'מען מיט פּורפּור באַדעקן
װעט אין זײן גאַנצער פּראַכט אין דיר דערשײנען.
זאָל איך אַזױ זוכה זײן אין דער נחמה
אױב נישט געזען כ'האָב דעם משוגענעם לױפן און שרײען
פון זון־אױפגאַנג ביז זון־אױפגאַנג
מיט זײן קול װאָס זיך ענדערט פון געװײן ביז געזאַנג:
דערקענט מיר נאָר, בין איך נישט אַמאָל פון בית־דוד

און פירט דען נישט צו מיר יעדע סטעזשקע אויף בארג און טאל און יעדער פשוטער שטערן און יעדע קאמעטע").

און דערנאך ווידעראמאל דער וויטיק אויף דאס וואס האט געדארפט זיין און איז נישט געווען. דאס פאלק איז נישט געשטאנען ביי דער רוממות־דיקייט פון ירושלים און נישט דערפילט די געטלעך־געשיכטלעכע אויפגאבע, די וויכטיקסטע אויפגאבע וואס א פאלק האט ווען עס איז געהאט צו דערפילן. ירושלים האט נישט זוכה געווען דאס פאלק וואס האט עס גע־דארפט ווערט זיין.

נדמת

„נדמת, ירושלים, כאילו מת,
ומשחר פניך שבתי כלעומת
שבאתי: מרוממותך נפעם,
אבל נדכה מאוד, שלא כמוך ייף עם.
בבקר ובערב אפקיך בוערים
על הגנות המקוערים
והזריחות והשקיעות עליך מזדמרות
באון ושגב כממרות,
אך בוקר, ערב בני עמך טרוחים
ולא שלתו שלוחים
לרתיח ולסעיר מדבריות,
כבשאג אריות
כל גיא אבל וחר אימה,
כל אבן ביחידות ובערמה

י ש ע י ה ו א ו ס ט ר י ־ ד ן

ולהצית

בהרי השיש והסיד

חרון אף אלקים

כאות על ראש בניך הקרובים והרחוקים".

(„ביסט אנטשווינג, ירושלים, ווי געשטאָרבן,

פון דיר מקבל־פנים זיין בין איך צוריקגעקומען

אזוי ווי כ'בין געקומען: באַרוישט פון דיין רוממות

און אויך זייער דערשלאָגן,

ווייל נישט ווי דו איז שיין דאָס פאָלק.

אינדערפרי און פארנאכט ברענען דיינע האָריזאָנטן

אויף די געבויגענע דעכער

און די זריחות און שקיעות זענען צעזונגען איבער דיר

מיט בונטאַרישער קראפט און פראכט,

אָבער אינדערפרי און פארנאכט איז דיין פאָלק פארטאָן

און זיי האָבן נישט געשיקט קיין שליחים

אויפשטורעמען די מדבריות

ווי מיט א לייבן געשריי

יעדן טרויעריקן טאָל און יעדן אימה'דיקן באַרג

יעדן איינזאַמן שטיין און יעדן שטיינער־בערגל

און אָנצינדן

אין די קאַלכיקע און מאַרמלשטיינערנע בערג

גאָטס גרימצאָרן

„האריזאנטן“

ווי א צייכן אויף די קעפ פון דיינע נאָנטע און ווייטע זין“).

כ׳גלויב, אז איינע פון די שענסטע געזאַנגען, וואָס א יידישער גייסט האָט ווען עס איז געזונגען צו ירושלים און צו א יידישן סימבאָל בכלל, איז אנטהאלטן אין לעצטן ליד פון יהודה קרני: „שימוני בפרצה“, מיט וועלכן עס פאַרענדיקט זיך דער אויסערגעוויינלעכער, דאָ נישט לאַנג פּרעמירטער, קליינער באַנד לידער „משירי ירושלים“:

שימוני בפרצה

„עם כל אבן מתגוללת שימוני בפרצה
וחזקוני במקבות,
אולי אכפר פני מולדתי, ונרצה
עוון העם, אשר לא סתם החרבות.

מה טוב וידעתי, כי אבן אני ככל אבני ירושלים
ומה אושרתי בהתקשר עצמותי עם החומה,
למה ידל גופי מנפשי, אשר באש ובמים
הלכה עם העם בזעקה או דמומה.

קחוני עם האבן הירושלמית ושימוני בכתלים
וטוחו עלי טיח,
ומחומת הקיר ירננו עצמותי הכלים
לקראת המשיח“.

(„מיט יעדן קייקלדיקן שטיין
אין דער שפּאַרונע פאַרזעצט מיך

ישעיהו אוסטרי־דן

און פארפעסטיקט מיט האמערס,
אפשר אויסקויפן וועל איך ביי מיין פאָטערלאַנד זיך
און פארגעבן ט׳מען דאָס זינד פון פאָלק
וואָס ניט אויפגעריכט האָט די חורבות.
ווי גוט וואָלט געווען וויסן
אז כ׳בין א שטיין, ווי אַלע שטיינער פון ירושלים
און ווי באַגליקט וואָלט איך געווען
ווען מיינע ביינער מיט דער מויער זיך פארבונדן,
פארוואָס זאָל נעבעכדיקער זיין
דער קערפּער פון מיין נשמה
וואָס אין פייער און אין וואסער
געגאַנגען איז מיטן פאָלק אמאָל א צעשריגענע
אמאָל אן אנטשוויגענע.

נעמט מיך מיטן ירושלימער שטיין
און פארשטעקט מיך אין די ווענט
און מיט ליים באַדעקט מיך גוט
און פון דער וואנט פון מויער
וועלן דאַן זינגען מיינע אויסגייענדיקע ביינער
משיח׳ן אנטקעגן").

אין ליכט פון די לעצטע געשעענישן אין לעבן פון אונזער פאָלק, באַ־קומט דאָס ליד און אַלע לידער פון יהודה קרני אין באַנד „משירי ירושלים" א נבואה׳ישע קראַפט. מיר שטייען פאַר דער אויפריכטונג פון דער יידישער

מלוכה און ירושלים וועט נישט זיין איר הויפט-שטאָט, דערוייל. ווי לאַנג דער „דערוייל" וועט דויערן, קען קיינער נישט זאָגן. ליגן טאַקע פאַר אונז די לידער וועגן ירושלים ווי אַ נייע דערהויבענע מאָנונג צום יידישן יחיד און צום יידישן כלל נישט צו פאַרגעסן ירושלים, אונזער ירושלים, די אייביקע ירושלים פון אַלע יידישע נעכטנס און פון אַלע יידישע מאָרגנס.

מיר שטייען אויפן שוועל פון גרויסע גאולה־יסורים אָבער דער גרעסטער ווייטיק וועט זיין דער פון דער יידישער מלוכה אָן ירושלים. גרויס איז נאָך דער קאַמף. בלוטיק זענען נאָך די נעכט. מיר זענען אָבער דאָך ארויפגעגאַנגען אויפן גרויסן שליאַך פון דער גאולה. דער וועג וועט זיין אַ געוואַלדיקער, אַ קריצענדיקער, און זייער אַ לאַנגער. מיר וועלן דאַרפן די יידישע מדינה אויפריכטן און דערנאָך אויפריכטן ירושלים אין דער יידישער אומאָפּהענגיקייט.

אַ גרויסע היסטאָרישע שלאַכט גרייט זיך אויף אונז. מיר זענען נישט צוגעקומען צום שוועל פון סוף, נאָר צום שוועל פון אַ נייעם אָנהויב. דער אָנהויב וועט זיין אַ ביטערער און אַ טיערער גלייכצייטיק. דער גרויסער טאָג, אָט דער אור־אַלטער „טאָג פון גאָט" וואָס די נביאים האָבן אונז פאַרשפּראָכן, קומט אָן. אין דעם גרויסן וועג אויף וועלכן מיר גייען ארויף, וועלן די „משירי ירושלים" פון יהודה קרני זיין אַ געוואַלדיקע באַפליגלונג אין דעם גרויסן בטחון פון דער אייביקייט פון יידישן זיין אויף די בערג פון יהודה און איר קרוינונג: ירושלים.